NOAH COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00049

YIDISHE KINDER

Kadia Molodowski

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Jack & Sam Gabow
in memory of
Frieda & Louis Gabow

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

יידישע קינדער

(מעשהלעך)

אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקס־שולן
אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע
ניו־יאָרק, 1945

Copyright 1945 by the Central Committee of the Jewish Folk Schools of the Jewish National Workers Alliance and Poale Zion in the United States and Canada

Printed in the U.S.A.

דאָס רעכט צו איבערדרוקן געהערט צום צענטראַל קאָמיטעט פון די ייִדישע פאָלק שולן, פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פועלי־ציון, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

266 טריאָ פרעס, ניו יאָרק.

כיענעלע־דזשין און דער פויגל שיר־אָשיר

די קאַפּעליע

איינס, צוויי, דריי

איינס, צוויי דריי,
אָדער־לידער־לײ.
עס זיינען בינעלעך געווען,
איך האָב זיי אַליין געזען.
איינס, צוויי, דריי,
אָדער־לידער־לײ.

האָניק האָבן זיי געמאַכט,
פון פאַרטאָג און ביז פאַרנאַכט.
איינס, צוויי, דריי,
אָדער־לידער־לײ.

האָט מען בינעלעך פאַרנאַרט
און דעם האָניק אויסגעשאַרט.
איינס, צוויי, דריי,
אָדער־לידער־לײ.

דער קליינער פייערלעשער

דער קליינער משה׳ל — אַ ייִנגל אַ ברען,
יעדע זאַך ווייס ער, און אַלצדינג ער קען.
שפּיגל־כּתב שרייבן,
אויף רעדעלעך לויפן,
אַריינקלאַפּן טשוועקעס,
אַרויסדרייען שרויפן,
אַ הויב טאָן אַ שטיין,
און אַ שלעפּ טאָן אַ ברעט,
נאָר וואָס דען — דאָס צינגל
האָט ניט גלאַטיק גערעדט.
אַ טיש — איז אַ טיס,
אַ פיש — איז אַ פיס.
אַ שליסל — אַ סליסל,
און אַ שיסל — אַ סיסל.

האָט איינמאָל משה׳ל אַ שׂרפה געזען,
און די פייערלעשער זייער מקנא געווען.

מען יאָגט אויף אַ טראָק,
מען קלינגט אין אַ גלאָק,
מען האַקט מיט די העק,
און מען קלאַפּט מיט די רידלען,
און אויף די קעפּ
גלאַנצן מעשענע היטלען.

האָט זיך משה׳ל געמאַכט
פון אַ קעסטל אַ טראָק,

פון אַ בלעכל אַ גלאָק,
פון אַ מעסער אַ האַק,
פון אַ דעקל אַ רידל,

דער קליינער פייערלעשער

און פון אַ פענדל
אַ מעשענע היטל,
און אין עטלעכע פלעשער
וואַסער פאַרגרייט,
ווי אַן אמתער לעשער.
אַלץ איז שוין דאָ,
נאָר די איינציקע זאָרג —
ס'איז קיין שרפה ניטאָ.

נאָר גאָט האָט געהאָלפן,
די קינדער פון גאַס
האָבן געפונען אַ רייף
פון אַ פאַס,
אַ טיר פון אַ שאַנק,
אַ פוס פון אַ באַנק,
אַ בלאַט פון אַ ביכל,
אַ שטריקל,
אַ צייטונג,
אַ קינדעריש שיכל.
זיי האָבן דערפון געמאַכט אַ געברויך:
אַ פייער צעלייגט, —
גייט אַ פלאַם מיט אַ רויך.

זיינען חברה צופרידן,
שפרינגען, ווי הענער,
טומלען און שרייען
און וואַרפן צו שפענער.

האָט משה'ל דערזען,
ס'איז אַ שרפה אין שטאָט, —
כאַפּט ער דעם טראַק
מיטן גלאָק
און ער יאָגט.
און ער שרייט צו די קינדער:

פייערלעסער!
אַ שׂרפֿה!
נעמט וואַסער פֿון פֿלעסער!

די קינדער פֿאַרטאָן
און צופֿרידן פֿון פֿייער,
הערן זיי גאָרניט,
וואָס שרייט דאָרט דער שרייער.

פֿלוצלינג, אַן אומגליק,
אַ קראַך, טאַראַראַם!
עס גיסט זיך אַ וואַסער
און לעשט אויס דעם פֿלאַם.

שרייען די קינדער צו משה׳לען מיט צאָרן:
— דו לעמטשאַפּס!
— דו גולם!
— דו אָקסענער האָרן!
— דו שעפּסענע פּעל!
דו מאַכסט דאָך פֿון פֿייער
אַ תּיל און אַ תּל.

זיי הויבן די פֿויסטן
און בוצקען מיט קעפּ,
און משה׳ל כאַפּט אמתע, זודיקע קלעפּ.

רופֿט משה׳ל און סיקעט
און פּיקט מיטן צינגל:
— איר נאַרישע לייט!
פֿאַר אייך איז דאָך בעסער,
אַז ס׳קומט פֿייער־לעסער!
איר דאַרפֿט ניט פֿאַרגעסן,
אַז ס׳טרעפֿט זיך אַ שׂרפֿה
מוז מען זי לעסן!

האָבן די קינדער געענטפערט:
— אָלרייט!
און האָבן דעם פייערלעשער תיכּף באַפרייט.
איז ער אַ שטאָלצער געפאָרן צוריק,
געקלונגען אין גלאָק,
ווי נאָך אמתן זיג.
צעקיילט און צעביילט,
נאָר זייער צופרידן,
האָט ער געשריען צו גויים
און יידן:
— טרעט אָפּ! גייט אַוועק!
אַז ס'פאָרט פייערלעשער,
לאָזט מען דעם וועג!

אָ ל ק ע

הינטער וואַרשע, עק אָכאָטע,
אַ הויף מיט בלאָטע.

וואוינט דאָרט אָלקע
מיט דער בלויער פאַראַסאָלקע.

דער טאַטע אַ שמיד,
די מאַמע אַרבעס בריט.



דער דאַך איז איינגעבויגן האַלב,
אונטערן דאַך וואוינט אַ שוואַלב.

אין שטוב — אַ טיש מיט אַ בעט
און אַ בוידים מיט גרעט.

און לעפל, און טעלער, און טעפּ, און קריג,
און אַ קינד אין וויג.

און דאָס מיידעלע אָלקע
מיט דער בלויער פּאַראַסאָלקע.

אַ מויד פון זעקס יאָר,
מיט גאָלדענע האָר.

איז אינדרויסן העל,
און דער זאַמד איז געל,
נעמט אָלקע זאַמד קנעטן,
אַלע חברטעס פאַרבעטן.

רופט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב,
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפט מיט:

— גיי אין שטוב!
מען דאַרף דאָס ברודערל וויגן,
וואַשן טעפּ און קריגן.

מען דאַרף וואַסער ברענגען,
מען דאַרף העמדעלעך שווענקען.

אַביסעלע לייענען,
אַביסעלע שרייבן, —
געדענק, כ'וועל דיך פון שטוב פאַרטרייבן!

גייט אָלקע וואַסער ברענגען,
העמדעלעך שווענקען.
זעט זי:
גענדז גייען.

גייט די גאַנדז גורע,
די קליינע גענדזעלעך אין שורה,
פעדערן ווייסע,
פיס רויטע,
און דער גאָנער, דער שוטה.

עפנט אָלקע
די בלויע פּאַראַסאָלקע,
האָט זי אַ שטוב, און אַ דאַך,
און גענדזעלעך אַ סך.

ווײל אָלקע מיט געזונדזעלער גײן
ביז די זון וועט פֿאַרגײן.

רופֿט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפֿט מיט:

— גײ אין שטוב!
מען דאַרף האָלץ שפּאַלטן,
מען דאַרף דאָס קינד האַלטן,
מען דאַרף שוועבעלער צינדן,
וויקעלער בינדן.

אַביסעלע לײענען,
אַביסעלע שרײַבן —
געדענק, כ'וועל דיך פֿון שטוב פֿאַרטרײַבן!

גײט אָלקע האָלץ שפּאַלטן,
דאָס קינד האַלטן.
זעט זי:
פֿײגעלער פֿליען,
אַ שורה לאַנג ווי אַ באַן
און איבער זײ אַן עראָפּלאַן.

פֿליגעלער ווײַס,
פֿײגעלער הויך,
און איבער זײ אַ וואָלקן,
ווי בלויער רויך.

עפֿנט אָלקע
די בלויע פֿאַראַסאָלקע,
האָט זי אַ שטוב און אַ דאַך
און פֿײגעלער אַ סך.

ווײל אָלקע דאָ שטײן,
ביז די זון וועט פֿאַרגײן.

רופֿט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב,
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפֿט מיט:

— גײ אין שטוב!
מען דאַרף זאָקן צירעווען,
מען דאַרף פֿעדים קירעווען,
מען דאַרף קניפּלעך דרײען
קנעפּלעך פֿאַרנײען,
אַביסעלע לײענען,
אַביסעלע שרײַבן, —
געדענק, כ׳וועל דיך פֿון שטוב פֿאַרטרײַבן!

גײט אָלקע פֿאָדעם דרײען,
קנעפּלעך פֿאַרנײען.

גיבן קנעפּלעך זיך אַ שאָט
און צעלויפֿן זיך איבערן שטאָט.

ווערט יעדעס קנעפּל אַ ראָד,
יאָגן זיך די רעדער קאַראַהאָד.

אײן ראָד פֿאָרט איבער דער גאַס,
קײַקלט זיך און פֿירט אַ פּאַס.

צוויי דרײען אַ וועליסאָפּעד,
דרײַ רעדער פֿירן אַ ברעט.

פיר רעדער אין אַ וואָגן,
איינס דאָס צווייטע יאָגן נאָך און יאָגן.

עפּנט אָלקע
די בלויע פּאַראַסאָלקע,
האָט זי אַ שטוב און אַ דאַך,
און רעדער אַ סך.

וויל אָלקע דאָ שטיין,
ביז די זון וועט פאַרגיין.

רופט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב,
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפט מיט.

נאָר אָלקע וויל ניט הערן, וויל ניט וויסן,
די רעדער רודערן, און בויגן זיך צו איר, און גריסן.

נעמט אָלקע אַלע רעדער אין אַ שפּאַן
און מאַכט אַ לאַנגע באַן.

און ס'פּייפט די באַן, און אָלקע פאָרט אַוועק,
העט ווייט, העט ווייט, איבער אַ ווייסן וועג.

א מאַנטל

ביי אַ שניידער אין קאַמאָרע
פול מיט קינדער, קיין עין הרע,
קינדער פּיצעלעך, ווי מאָן,
שטייט אַ וויגל אויבן־אָן.

איצטער הויבט זיך אָן די מעשה,
נישט פון ציגעלעך קיין ווייסע,
נאָר אַ מעשה פון אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל.

האָט מען אויפגעניייט אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל
פאַרן עלטסטן בחור שמואל,
ער זאָל קענען גיין אין שול.

גייט אים שמואליק יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט אים שמואליק נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל שמואליק טוט אים אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאַן.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ שלאַק, אַ צרה.
שמואליק טוט דעם מאַנטל אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאַן.

נו, איז מילא —
טוט שוין אָן דעם מאַנטל ביילע.

גייט אים ביילע יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה!
טאָמער ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי!

וואָס זשע קען דאָ זיין דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָסל־בער.

גייט ער אין אים יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל פֿאַלט ער אויף די טרעפּלעך,
און אַ סוף צו אַלע קנעפּלעך.

ווערט אַ טומל אין קאַמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה!
גיין און פֿאַלן אויף די טרעפּלעך,
און פֿאַרלירן אַלע קנעפּלעך?

און עס פּסקנט דאָס געזינדל:
— זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.

גייט אים הינדל יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט זי אין אים נאָך אַ יאָר,
פֿעלט דעם מאַנטל נישט קיין האָר.

איינמאָל ווערט אַ גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין אַ רומל,
הינדל כליפּעט אויפן בעט —
ט׳אָנגעוואָרן אַ מאַנקעט.

שרייען אַלע, אַלע, אַלע:
— דאָס־איז־דאָס אַ מויד אַ כלה.
ליגט און כליפּעט אויפן בעט!
ווי פאַרלירט מען אַ מאַנקעט?

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט־דער־אָ תכשיט פאַנטל.

פאַנטל, פאַנטל! אײַ איז דאָס אַ בחורעץ!
חברט זיך מיט הינט און קעץ,
יאָגט זיך נאָך נאָך יעדער וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן,
מיאַוקעט, פּייפט, און שרייט, און בילט,
און די מאַמע לאַכט און שילט.

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט דער־אָ תכשיט פאַנטל.

האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
פון פּאַלע אָפּגעפּליקט אַ ראָג.
און אויפמאָרגן אינדערפרי
אויסגעהאַקט אַ לאָך אין קני,
און דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט
אָן אַ קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין די ביידע עלנבויגן.

ווערט אַ טומל, אַ געשריי:
— אַך און אָך און ווינד און וויי!

אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל,
פֿאַלט אַריין צום תּכשיט פֿאַנטל.

איינמאָל פֿאַנטל איז נישט פֿויל,
קומט צעפֿליען נאַקעט, הויל.
שרייען אַלע פֿאַראַמאָל,
אַלע, אַלע אין איין קול:

— תּכשיט, שייגעץ, פֿלעדערמויז!
וואו דער מאַנטל, זאָג נאָר אויס?

ענטפֿערט זיי דער וואוילער יונג
מיט אַזאַ־אַ שאַרפֿע צונג:
— כ׳האָב פֿון אים דעם רעכטן לאַץ
אָפּגעשענקט דער שוואַרצער קאַץ.
און דערנאָך דעם לינקן לאַץ
אָפּגעשענקט דער ווייסער קאַץ,
און די רעשטע, לאָך אויף לאָך,
ועט אָנקומען די צווייטע וואָך.

שרייען אַלע פֿאַראַמאָל,
אַלע, אַלע אין איין קול:
— אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל,
פֿאַלט אַריין צום תּכשיט פֿאַנטל!



עפנט דעם טויער

עפנט דעם טויער, עפנט אים ברייט,
עס וועט דאָ דורכגיין אַ גאָלדענע קייט:
דער טאַטע,
די מאַמע,
דער ברודער,
די שוועסטער,
חתן־כלה אינמיטן
אויף אַ גאָלדענעם שליטן.

עפנט דעם טויער, עפנט אים ברייט,
עס וועט דאָ דורכגיין אַ גאָלדענע קייט:
דער זיידע,
די באָבע,
דער פעטער,
די מומע,
די אייניקלעך אינמיטן
אויף אַ גאָלדענעם שליטן.

עפנט דעם טויער, עפנט אים ברייט
עס וועט דאָ דורכגיין אַ גאָלדענע קייט:
באַרנעס,
און עפּל,
און האָניק אַ טעפּל
און אַ לעקאַך אַ געלער
אויף אַ גאָלדענעם טעלער.

דער וואַסערטרעגער

האָט מען אַ גולם געהייסן וואַסער טראָגן,
האָט ער צוויי עמער גענומען
און איז אַוועק צום ברונעם.

טראָגט ער וואַסער און טראָגט
וויפֿל כּוח ער פֿאַרמאָגט.

עמער נאָך עמער, אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר,
אַזש עס שטייען אים קאַפּויר די האָר.

איז דאָס פֿאַס געוואָרן פֿול,
די באַלעבאָסטע איז געוואָרן דול:
— ס'גייט דאָס וואַסער אַריבער די ברעגן,
ס'איז די שטוב געוואָרן אַ טייך,
צו טייכן גלייך.

האָט די גאַנצע שטוב גענומען שווימען
פֿריער די פֿענצטער מיט די בלומען,
ווידער די טישן מיט די בעטן,
העמדער, זאָקן און קאַשקעטן.

אַ כוואַליע אויף אַ כוואַליע.
און די קינדער שווימען אין באַליע.

און דער גולם טראָגט וואַסער און טראָגט
וויפֿל כּוח ער פֿאַרמאָגט.

איז דאָס וואַסער פֿון שטוב אַרויס אין הויף
האָבן הענער גענומען קרייען,
האָבן אינדיקעס גענומען גרעגן:
ס'לויפֿט דאָס וואַסער אַריבער די ברעגן

האָט דער הויף געגומען שווימען:
שווימט אַ בעזים און אַ ברעט,
און אַ שטריקל מיטן גרעט,
און פֿון דאַך אַ שינדל,
און אַ ראָבע הינדל.
איז געוואָרן פֿון הויף אַ טייך,
צו טייכן גלייך.

און דער גולם טראָגט וואַסער און טראָגט,
וויפֿל כוח ער פֿאַרמאָגט.

איז דאָס וואַסער פֿון הויף אַרויס אין גאַס
האָבן גלעקער געגומען קלינגען,
האָבן קינדער זיך געגומען שרעקן:
ס'לויפֿט דאָס וואַסער איבער די ברעגן.

האָט די גאַס געגומען שווימען:
שווימט אַ לייטער, שווימט אַ שטרוי,
שווימט אַ וואָגן מיט אַ גוי.
שווימען וועגענער מיט היי,
מאַמעס, קינדער מיט געשריי.
איז די גאַס געוואָרן אַ טייך,
צו טייכן גלייך.

איז דאָס וואַסער פֿון גאַס אַרויס אין פֿעלד.
און אין פֿעלד האָט געפּאַשעט זיך אַן אָקס,
האָט ער דאָס וואַסער גענומען טרינקען,
האָט ער דאָס וואַסער גענומען שלינגען,
מיט אַזוינע גרויסע שלוקן,
אַז אין איין וויהי איז אַלץ געוואָרן טרוקן.
און אַזוי גיך איז דאָס געשען,
פּונקט ווי ס'וואָלט אַ מעשהלע געווען.

זאַלבעדריט

הערשל און הענדל —
נישט מיר און נישט דיר —
האָבן געלאָזט זיך אויף ווייטן שפּאַציר.

אַראָפּ מיטן באַרג,
און אַזוי ביזן טאָל
און סאַמע אָט דאָ בלייבט מען שטיין מיטאַמאָל.

אַ מעשה געשען,
אַזאַ מין־אָ גליק —
אינמיטן דערינען סע שטייט גאָר אַ ציג.

קיין פּאַסטוך נישטאָ, נישט קיין באַלעבאָס,
סע שטייט זיך אַ ציג
און זי צופּעט דאָס גראָז.

האָט מען גענומען די ציג אינדערמיט,
הערשל און הענדל —
און מען גייט זאַלבעדריט.

אַרויף מיטן באַרג, אַראָפּ מיטן טאָל,
און סאַמע אָט־דאָ
בלייבט מען שטיין מיטאַמאָל.

וואָס איז פאַראַן צו דערציילן און זאָגן ?
עס שטייט זיי אַנקעגן
אַ פערד מיט אַ וואָגן.

קיין פורמאַן נישטאָ,
נישט קיין בייטש, און קוים, קוים
הירזשעט דאָס פערדל און קלינגט מיטן צוים.

זאַלבעדריט

הערשל און הענדל,
און די ציג אינדערמיט —
אַרויף אויפן וואָגן און מען פאָרט זאַלבעדריט.

פאָרט מען, מען פאָרט. דער הימל איז העל —
ערשט עס ליגט זיי אַנקעגן
אַ זעקל מיט מעל.

אַ זעקל מיט מעל —
נישט געהיט, נישט פאַרבונדן.
און וואו איז דער מעלער ? נישטאָ ? צי פאַרשוואונדן ?

הערשל און הענדל, און די ציג העלפט אַרויס —
דעם זאַק אויפן וואָגן,
און הידאַ פאָרויס.

מען פאָרט און מען פאָרט
ביזן באַרג ,ביזן שפּיץ,
אויף אַ שטיין אינדערהויך ערשט אַ ייד דאָרטן זיצט

אַנטקעגן מיט שמחה
ער לויפט צו זיי גלייך :
— אוי, טייערע קינדער, אַ לעבן אויף אייך !

איך האָב נאָר אַ דרעמל געכאַפּט אויף אַ שעה,
איז די ציג מיר אַנטלאָפן,
דער געשפּאַן איז נישטאָ.

דאָס איז דאָך טאַקע מיין ציג און מיין פערדל געשפּאַנט,
אַ האַרציקן דאַנק אייך !
געבראַכט מיר צו דער האַנט.

— אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק,
דאָס איז טאַקע אַ גליק,
נאָר דו דאַרפסט אונדז באַצאָלן — און גיב אונדז די ציג.

עס געפעלן אונדז זייער די הערנערלעך צוויי,
דאָס ציגענע בערדל
און די פיסלעך, ווי שניי.

זאָגט דער ייד צו זיי: סטייטש?
זאָגט דער מענטש צו זיי: גוואַלד!
און אַהער, און אַהין, און אַזוי און צוריק,
און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, און ער גיט זיי די ציג.

הערשל, און הענדל,
און די ציג אינדערמיט
גייען פון וויטן שפּאַציר זאַלבעדריט.

איצט בעטן מיר יעדערן,
ווער עס גייט איבער וועגן,
דערציילן, צי האָט מען דעם דריילינג באַגעגנט.

ווייל איך האָב זיי דרייען געזען אויף אַ באַרג
שוין אַ יאָר מיט אַ סמיטשיק,
און איך בענק נאָך זיי שטאַרק.

קיץ קאַץ קעצעלע

קיץ, קאַץ קעצעלע
וואָס מיר אויס אַ טעצעלע,
ס׳קומען געסט צו מיר,
ס׳קומט די מומע מירעלע
מיט דער טאָכטער צירעלע, —
עפן זיי די טיר.

וואַשט די קאַץ אַן אויערל
עפנט זיך דאָס טויערל,
ס׳קומען געסט צו מיר,
ס׳קומען קינדער ברעקעלעך,
רייטן זיי אויף שטעקעלעך, —
עפן זיי די טיר.

שיכעלעך

אָט־אָ, אָט־אָ איז אַ באַרג,
אָט־אָ, אָט־אָ איז אַ טאָל,
זיצט אַ שוסטער אויפֿן באַרג
מיט אַ האַמער, מיט אַן אָל.

שטעכט דער שוסטער מיטן אָל.
מיטן האַמער שלאָגט ער גיך,
איינס און צוויי,
און איינס און צוויי,
וואַקסן אוים צוויי קליינע שיך.

זאָגט דער שוסטער:
— שיכעלעך גייט!
גייען שיכעלעך אַוועק,
וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק.
גייען שיכעלעך אַרום,
וואו דער שוסטער שיקט זיי אום.
גייען שיכעלעך נאָך ברויט,
גייען שיכעלעך נאָך זאַלץ.
גייען שיכעלעך אַרום,
פאַרן שוסטער ברענגען אַלץ.

איינמאָל נעמען שיכעלעך גיין,
ביי אַ טויער בלייבן שטיין.

קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל: איינס.
קלאַפּט דאָס לינקע שיכל: צוויי.
עפנט זיך אַ טיר פאַר זיי.

זיצט אַ קינד דאָרטן אַליין,
באָרוועס, נאַקעט ווינד און וויי.

דאָרטן בלייבן שיכלעך שטיין,
ווילן ערגעץ מער נישט גיין.
און דער שוסטער אויפן באַרג
וואַרט און וואַרט,
און וואַרט און וואַרט.

א מעשה מיט א וואָלף

אין פעלד זיינען שעפּסן געווען
האָט זיי אַ פּאַסטאַך געהיט און געזען.

האָבן שעפּסן געמעקעט, געדרייט מיט די עקן,
איז אַ וואָלף פון וואַלד געקומען פרעגן:

— ווער מעקעט עס ביי דיר אין פעלד?

— קיינער מעקעט נישט, איך קאָך פאַר זיך אַ יויך,
קלאַפּט דאָס שטערצל אין דעם טעפּל אַזוי הויך.

איז דער וואָלף אַוועק
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק.

האָבן שעפּסעלעך גענומען טאַנצן, מיט קאָפּיטעס שלאָגן,
איז אַ וואָלף פון וואַלד געקומען זאָגן:

— ווער טופּעט עס ביי דיר אין פעלד?

— קיינער טופּעט נישט, אַ רעגן גייט, דו זעסט,
שלאָגט דער רעגן אין די גרעזלעך אַזוי פעסט.

איז דער וואָלף אַוועק,
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק.

האָבן שעפּסעלעך גענומען הוליען, אין קאַדרילן גייז,
איז אַ וואָלף געקומען מיט פאַרקריצטע ציין:

ווער הוליעט עס ביי דיר אין פעלד?

נאָר די שעפּסעלעך האָבן געפירט אַזעלכע זינגערייען,
אַזעלכע כאָרן,
אַז דאָס פּאַסטאַכל דעם תירוץ האָט פאַרלאָרן.
היינט אַז דאָס פּאַסטאַכל דעם תירוץ האָט פאַרלאָרן —
ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואָס איז מיט שעפּסעלעך געוואָרן.

אַ קריגערײַ

אײנמאָל אין אַ זומער טאָג —
זון און ליכטיקײט און רוים —
האָבן קינדער זיך געשפּילט
אויפֿן פֿעלד אונטער אַ בוים.

דרײַען זײַנען זײ געװען:
כאַנע, שׂרהלע און בונים;
האָבן עפּעלעך געגעסן
און געטרונקען פֿון אַ ברונעם.

נאָר ס'איז ניט געװען באַשערט
זײ דאָס גאָלדענע געמיט,
האָבן קינדער זיך צעקריגט,
גלאַט אַזױ פֿאַר גאָרנישט־ניט.

װען די זון האָט זיך געזעצט,
איז אױפֿגעגאַנגען די לבֿנה;
האָבן קינדער זיך צערעדט —
בונים, שׂרהלע און כאַנע.

בונים זאָגט: בײַ אונדז אין הויף
שטײט אַ פֿעסל װאַסער,
דאָרטן די לבֿנה שלאָפֿט
אויף אַ נעץ אַ נאַסער.

שרייט שוין כאָנע אויס מיט כעס:
— ס'איז אַ גרויסער ליגן!
ביי מיין ויידן אויפן דאַך —
שלאָפט זי אויף די שטיגן.

שרהלע ווערט צונטער רויט:
— כ'וועל אַ וואָרט ניט גלויבן,
די לבנה לעם מיין בעט
וויגט זיך אויף די שויבן.

האָבן קינדער זיך צעקריגט
און דערנאָך צעדראַפּעט,
אַלע אויערלעך צעפלאַמט,
בלוט פון נעזלעך קאַפּעט.

ווער פון זיי עס איז גערעכט —
פּרוּווט אַליין שוין זאָגן.
נאָר איך בעט אייך זייער שטאַרק,
איר זאָלט זיך ניט שלאָגן.



וואונדער איבער וואונדער

אין בראָנזוויל האָט געוואוינט אַ משפּחה.
דער טאַטע הייסט שמואל,
די מאַמע הייסט ברכה,
און דריי קינדער, קיין עין הרע,
צוויי ייִנגלעך און אַ מיידעלע, שרה.

איז שרה געווען אַביסל צעלאָזן.
אַ בת־יחידקעלע, האָט זי זיך געבלאָזן.

גיט מען איר אַן עפּל —
וויל זי אַ באַר,
גיט מען איר אַ בייגל —
טוט זי אים אַ שאַר.

און אַלע טאָג אַ נייער טאַראַראַם:
אָטאָ וויל זי אַ ליאַלקע,
און אָטאָ וויל זי אַ מאַשין,
און פּלוצלינג וויל זי טשואינג־גאַם.

איז דער טאַטע געפאַלן אויף אַן עצה:
מען וועט שרהלען שיקן אין שול און יוצא.

האָט מען שרהלען אָנגעטאָן אַ רענצל אויף דער זייט
און געשיקט זי אין שול,
זי זאָל ווערן אַ לייט.

דעם ערשטן טאָג איז אַהיימגעקומען דאָס קינד —
אַלע פינגער אויסגעשמירט אין טינט.
האָט די מאַמע שרהלען געוואַשן און געריבן
פון אַזייגער דריי ביז אַזייגער זיבן.

צומאָרגנס האָט מען שרהן אָנגעטאָן אַ רענצל אויף אַ זייט
און געשיקט אין שול, זי זאָל ווערן אַ לייט.

איז שרה צוריקגעקומען בלייך און אין כעס,
זי האָט זיך צעשלאָגן מיט אַ האַלבן קלאַס.

האָט די מאַמע געשריען
און זיך פּאָר שכנות פאַרטרויט:
— וואָס טוט מען מיט אַזאַ מויד?

צומאָרגנס האָט מען שרהן אָנגעטאָן אַ רענצל אויף אַ זייט
און געשיקט אין שול, זי זאָל ווערן אַ לייט.

נאָר מיט שרהן אין שול איז געווען שלעכט,
זי האָט אַלע בענקלעך איבערגעקערט.

האָט די מאַמע דערהערט און געוואָרן אַזש רויט:
— וואָס טוט מען טאַקע מיט אַזאַ מויד?

אויפן פערטן טאָג האָט מען שרהן אָנגעטאָן אַ רענצל
אויף אַ זייט
און געשיקט אין שול, זי זאָל ווערן אַ לייט.

נאָר שרה איז צוריקגעקומען צעקאָכט און פאַרפלאַמט
מיט אַ ווייסן באַנדאַזשל אויף דער לינקער האַנט
און האָט דער מאַמען דערציילט מיט געוויין,
אַז די לערערקע האָט זי אינגאַנצן אָפּגעשיקט אַהיים.

אָט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע שפּיל:
די מאַמע האָט געמוסרט,
דער טאַטע איז געווען שטיל,
די ברידערלעך האָבן געגעבן אַ זאָג,
מען זאָל זי שטעלן אין ווינקל אויף אַ גאַנצן טאָג.
דער הונט איז געקומען און געטאָן אַ ביל:
— וואָס הייסט? אין אַ שול מוז מען זיצן שטיל.

דאָס קעצל האָט פאַרדראָסיק געדרייט מיטן עק:
— דאָס איז פאַר דער גאַנצער משפּחה אַ פּלעק.

און שרהלע איז געזעסן פאַרקלעמט און פאַרביטערט
פון געוויין האָבן ביידע צעפּלעך געציטערט.

אין אַ וואָך אַרום
האָט מען שרהלען פאַרפלאָכטן אין די האָר אַ באַנד
און די כלה־מויד געפירט אין שול פאַר אַ האַנט.
די לערערקע האָט זי אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק
זי זאָל זיך לערנען מיט קאָפּ און געדאַנק.

און דאָ איז מיט שרהלען געשען אַ נס:
זי האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן אין דריי מעת־לעת.
געשריבן אין שול און אינדערהיים,
אויף אַ טיש, אויף אַ באַנק, אויף אַ שטיין,
אַ שורהלע אַרויף אַ שורהלע אַרונטער
בקיצור, וואונדער אויף וואונדער,
אַביסל גלייך און אַביסל מיט אַ דריי —
נאָר די לערערקע האָט געזאָגט: אָ־קעי.
די מאַמע האָט געזאָגט: גוט.
דער טאַטע האָט געזאָגט: שוין צייט.
און גאַנץ בראָנזוויל האָט געזאָגט: אָלרייט.

קינדער פון דער איסט-בראָדוועי

זוני און בעני — חברה־לייט צוויי —
האָבן שפּאַצירט אויף איסט־בראָדוויי.

אויף אַלע גאַניקעס געווען,
מיט אַלע קעץ זיך שוין געזען,
ערשט אָט־אָ סאַמע לעבן זיי
אַ קאַסטן ליגט אויף איסט־בראָדוויי.
גרויס און ברייט, פון איין זייט אָפן,
פּונקט פאַר זיי זיך לייגן שלאָפן,
פּונקט די לענג און פּונקט די ברייט,
פּונקט געמאַכט פאַר זאַלבעצווייט.

זוני זעט, ווערט זייער פריילעך,
טראַכט ער ניט קיין סך, ווילך
גלייך אין קאַסטן,
און שרייט פון דאָרט אַרויס מיט גליק:
— בעני! ס׳איז דאָ אַן אַנטיק!
ס׳איז אַזוינס נאָך נישט געווען,
קום אַריין, וועסטו שוין זען.

שוין געזאָגט און שוין געטאָן,
ליגט שוין זוני אויבן־אָן,
בעני לעבן אים און קוועלט:

— וואָס הייסט גוט? גוט ווי די וועלט.
פרייען זיך די חברה צוויי
אין קאַסטן אויף דער איסט־בראָדוויי.

בעני לאַכט, די אויגן גליען:
— זוני, גוט וואָלט אונדז געווען
ווען עס קאָן אַ קאַסטן פליען!

אויסגערעדט אין אַזאַ שעה,
און דער וואונטש, ער איז שוין דאָ:
ס׳גיט דער קאַסטן זיך אַ הויב,

גרינג ווי אויפֿן ווינט אַ שטויב,
אַזוי הויך ווי אויף אַ שטאָק,
און ער ליגט שוין אויף אַ טראָק.

גיט דער טראָק אַ פּאָר, אַ פֿלי,
צאַפּל־קלאַפּל מיט די רעדער,
און ער איז נישטאָ, נישט הי.

פֿאָרן שוין די חברה צוויי,
ס'איז שוין אוים מיט איסט־בראָדוויי.
ס'ציט זיך לעבן זיי אַ טייך,
בלוי און זומערדיק און גלייך.

בעני זאָגט: אוי, אוי, אוי, אוי,
ס'איז די גאַנצע וועלט דאָך בלוי.
ענטפֿערט זוני: נאַריש גאָר!
אַ טייך איז תּמיד בלוי און קלאָר.

פֿאָרט דער טראָק, גיט זיך אַ דריי,
ערשט אַ לאָנקע, גראָז און היי.

אויף דער לאָנקע לויפֿן, ליגן
קליינע ציגעלעך און ציגן.
שרייט אוים בעני: זוני, זע!
ציגעלעך! זיי שרייען מע!
זע די קאָפּיטקעס ביי זיי,
זע די הערנעלעך די צוויי.

זאָגט אים זוני מיטן טראָפּ:
— דו זאָלסט וויסן, יעדע ציג
האָט צוויי הערנער אויפֿן קאָפּ.

פֿליט דער טראָק איבער אַ בריק.
אוים מיט לאָנקע, אוים מיט ציג.
ס'לויפֿט אַנטקעגן זיי אַ וואַלד,
גרין און שאָטנדיק און אַלט.

זינגט אַ פֿויגל: צוקי־מוקי!
ציני־מיני — ענטפֿערט איינער,
און עס שושקען שושו־מושו
גרינע וואַנצעס אויף די ביימער.

ליכטן בענים אויגן העלע:
— זוני, הער נאָר אַ קאַפּעליע!

ענטפֿערט זוני: נאַדיר, נו,
פּונקט ווי ציגן מוזן מעקען
מוזן פֿייגעלעך טשערעקען.

און דער טראַק, דער שנעלער רייטער,
ווייס נאָר איין זאַך: פֿאָרן ווייטער.

נאָר יעדע גוטע זאַך דאָס רוב
האָט אַן אומגעריכטן סוף.
נאָך אַ פּאָר און באַרג אַראָפּ,
און דער טראָק, ער שטעלט זיך אָפּ.
און עס נעמט די טרובע ברומען:
אָנגעקומען, אָנגעקומען!

דעם קאַסטן גיט מען שוין אַ צי,
שוין אַ ריר, און שוין אַ פלי.
הענדאָס־פּענדאָס און צוואַלאָס
און ער שטייט שוין אין אַ קראָם.
און אין קראָם ווערט אָפּ און אויף,
ס׳שטייען ביידע פּאַסאַזשירן טאַקע מיטן קאָפּ אַרויף.

פּלוצלונג שרייט דער באַלעבאָס,
טוט אָן די ברילן אויף דער נאָז:
טראָקמאַן! עליע־מעליע־ביירע!
וואָס איז דאָס פּאַר אַ מין סחורה?
יונגאַילעס גאָר? וואָס דאַרף איך זיי?
דאָס איז דאָס די בעסטע סחורה
פֿון דער גאַנצער איסט־בראָדוויי?



קינדער פון דער איסט־בראָדוועי

ווערט דער טראָקמאַן ווייס און בלאָ:
בנאמנות, אַי דאַנט נאָו!
זע נאָר, טאַקע, אַ פּאָר יונגען
פון אַ קאַסטן אויפגעשפּרונגען.

— זאַגט נאָר, ביטערע יונגאַטשעס,
ווי ט'איר זיך אַהער פאַרקאַטשעט?

און נאָך אין דעם זעלבן טאָג,
טאַקע אויפן זעלבן טראָק,
טאַקע אין דעם זעלבן קאַסטן,
גאָר ווי טייערע צוויי לאַסטן,
האָט מען זיי געפירט צוריק,
און געבראַכט איבער דער בריק.
און די חברה־לייט די צוויי
צוגעשטעלט אויף איסט־בראָדוויי.

נאָר עס איז אַזוי געווען,
אַז ווען זיי האָבן דערציילט,
וואָס עס איז מיט זיי געשען,
האָבן אַלע אָפּגעלאַכט:
— אָ, איר האָט עס אויסגעטראַכט!

אָבער מיר, מיר וויסן יאָ,
אַז אַ וואונדערלעכע מעשה
קאָן פּאַסירן אַלע שעה.

א מעשה וועגן דעם קייסערס גאָרטן

אַמאָל איז געווען אַ קייסער
מיט אַ באָרד אַ ברייטע.
ער האָט געהאַט אַ קייסערינע
האָט זי געהייסן — טאָמייטע.
ער האָט געהאַט אַ טעכטערל — שיינע דווע,
און אַ גענעראַל מיטן נאָמען קוקורוזע.

האָט דער קייסער אַ וואַלד־גאָרטן פאַרזייט,
צען מייל די לענג און צען מייל די ברייט.
זיינען דאָרט געוואָקסן: אַן עפּל, אַ קערשל, אַ פלוים
און אַ באַרעלע ברוין.

און גאָטס באַשעפענישן האָבן דאָרט געלעבט און געלאַכט,
ס'האָט יעדערער אַ מלאכה געהאַט און זיין אַרבעט געמאַכט.
מיט די שאַרפע ציינער דער האָז
האָט אַ גאַנצן טאָג געשניטן גראָז.
דאָס קיניגל מיט די ברייטע אויערן
האָט געהיט די טירלעך און די טויערן.
די ווערעוויקעס מיט די לאַנגע עקן
קערן אָפּ פון צווייגעלעך די שנעקן.

די בינען גיבן אַכטונג אויף די בלומען,
די גרילן גרילצן, און די פליגן זשומען.
די פייגעלעך פליען הין און צוריק,
צווויטשערן, זינגען טשיריק און טשיריק.

האָט דער קייסער ליב געהאַט דעם גאָרטן אָן אַ שיעור,
און אַלע טאָג געגאַנגען דאָרט אויף אַ שפּאַציר.

איינמאָל כאַפּט זיך אויף פאַרטאָג דער קייסער מיט געשאַל:
— זאָל קומען אַהער מיין גענעראַל!

איז געלאָפֿן דאָס טעכטערל שיינע־דוזע
און האָט גערופֿן דעם גענעראַל קוקורוזע.

שפּרעכט דער קייסער אָט די ווערטער:
— ליבער, קוקורוזע, און געערטער!
אין מיין גאָרטן איז אַ וויין־עפּל אַראָפּגעפֿאַלן,
איך וועל באַשענקען דיך מיט צוועלף מעדאַלן,
דו דערוויס זיך ווי די מעשה מיטן עפּל איז פֿאַרלאָפֿן,
און דו זאָלסט דעם שולדיקן באַשטראָפֿן.

האָט דער גענעראַל פֿאַרלייגט די שווערד
און אַוועקגעריטן אויף זיין פֿערד,
געריטן, און געטופּעט, און געלאָפֿן,
און די ערשטע האָט ער די העזעלעך געטראָפֿן.

— העזעלעך,
ווער פֿון אייך האָט געהערט און געזען,
וואָס מיטן וויין־עפּל איז דאָ געווען?

האָבן די העזעלעך די אויערן פֿאַרלייגט אויפֿן שטערן
און זיי מאַכן זיך טויב: זיי קענען גאָרניט הערן.

זעט דער גענעראַל ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק,
איז ער צו די וועווריקעס אַוועק.
— וועווריקעס,
ווער פֿון אייך האָט געהערט און געזען,
וואָס מיטן וויין־עפּל איז דאָ געשען?

זיינען די וועווריקעס צעלאָפֿן אויף די צווייגן,
די עקעלעך פֿאַרדרייט
און שאַ־שטיל, זיי שווייגן.

זעט דער גענעראַל ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק,
איז ער צו די פֿייגעלעך אַוועק.

— פליגל־פאַלק !
ווער פון אײַך האָט געהערט און געזען,
וואָס מיטן ווײַן־עפּל איז דאָ געשען ?

האָבן די פייגעלעך געטאָן אַ פלי
און געענטפערט פון דער הויך: פּי־צי־צי,
מיר זײַנען ניט הי.

און די בינען, און די גרילן גיבן ניט קיין זשום,
ווי זיי זאָלן זײַן, חלילה, שטום.

איז דער גענעראַל צוריקגעקומען צום קייסער
אַן אומעטיקער און אַ בייזער,
און אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט:
— ניט געקענט אַרויסקריגן קיין וואָרט.

זאָגט דער קייסער: אויב אַזוי, וועט מען מוזן
שיקן אין מײַן גאָרטן שיינע־דוזען.

איז געקומען אין גאָרטן שיינע־דוזע, די פּרינצעסין,
האָט זי אַלע חיהלעך געגעבן עסן,
יעדערן געטאָן אַ גלעט,
האָבן זיך די חיהלעך צערעדט:

— אַ װעװוריק האָט דעם ווײַן־עפּל אַראָפּגעשלאָגן.
— אַ קיניגל האָט אים ערגעץ פאַרטראָגן.
— אַ העזל מיט די צײַנדלעך האָט געטאָן אַ שאָב.
אַ שטיקל האָט צוגעכאַפּט דער ראָב.
אַ שפּערל האָט געטאָן אַ קלײנעם פּיקל,
— האָט דער געכאַפּט אַ שטיקל און יענער אַ שטיקל.
— אַ פלעקעלע אַרײַן, אַ פלעקעלע אַרויס
און דער ווײַן־עפּל איז אויס.

האָט די פּרינצעסין שיינע־דוזע זיי אויסגעהערט,
און האָט געזאָגט — זיי זײַנען אַלע גערעכט.
האָט אַלץ אין אַ ביכעלע פאַרשריבן,
און אַזוי איז דאָס מעשה'לע געבליבן.

די קאַפּעליע

זיצן קינדער אין אַ ראָנד,
קעפּלעך שוואַרץ און קעפּלעך בלאָנד.

פּיצלעך קינדער — שטרענגע מינעס,
האַלטן גרויסע מאַנדאָלינעס.

שטייט דער שטאָלצער קאַפּעלמייסטער,
מיט אַ האַנט די קינדער ווייזט ער —
אָט דאָס שטעקעלע געכומען,
מזרח,
מערב,
צפון,
דרום
און אַ ליד הייבט אָן צו ברומען.

שפּילן זיי אַ שניידער־ליד,
קומט דער שניידער אינדערמיט.
עליע־דעליע בכבוד גדול
מיט אַ פּאָדים און אַ נאָדל.

זאָגט דער שניידער: אַ גוט מאָרגן.
קינדער ענטפערן: גוט יאָר.
זאָגט דער שניידער: כ'בעט אייך באָרגן
מיר דאָס ליד אויף הונדערט יאָר.

נעמט דער שניידער עליע נייען,
פּעדים ציען, קניפּלעך דרייען.
איבערשלאַק און אונטערשלאַק
ווערט אַ קליידל מיט אַ יאַק.
סחורה וואָלענע און דינע,
העלפט אים צו אַ מאַנדאָלינע.
נעטלעך שמאָלע, נעטלעך ברייטע,
כאַפּט זיך אונטער, העלפט אַ צווייטע.

די קאַפּעליע

גייט דער שניידער עליע־דעליע
און עס צימבלט די קאַפּעליע.
— חברה, פֿריילעכער און דרייסטער!
גיט אַ רוף דער קאַפּעלמייסטער.
מערב,
מזרח,
דרום,
צפֿון,
חברה, שפּילט און ניט געשלאָפֿן.

איז דער ניגון גוטער ווייך.
שיינט די זון מיט נייער שייך.
דורך די שויבן צו די קינדער
שיקט זי שטראַלן אויף די פֿינגער.
און דער פֿויגל ציפּ־ציפּינע
טרילערט ווי אַ מאַנדאָלינע.
איז דער ניגון גוטער ווייך,
גייט אין האַרצן אַזש אַריין.

האָט דער שניידער פֿאַרגעניגן,
נייט און זינגט זיך צו אַ ניגון.
אַ שטאָך אַהין, אַ שטאָך אַהער,
און צוגעשאָרן מיט דער שער.

זאָל ניט טרעפֿן ווי עס טרעפֿט
ס'ווערט אַ סטרונעלע געפּלעפּט,
און דאָס לידל איז אַראָפּ
אי פֿון ניגון, אי פֿון טראָפּ.

גיט אַ קרעכץ די נאָדל: ווײ!
און די שטוב גיט זיך אַ דריי,
ס'ווערט דאָס צימער רונדע־רונדן,
און דער שניידער איז פֿאַרשוואונדן.

קיין סימן ניט פון שניידער עליע.
טרויעריק זיצט די קאַפּעליע.

זאָל דער אויבערשטער אונדז היטן,
ס'בלייבט דאָס שטעקעלע אינמיטן,
און דער קאַפּעלמייסטער שרייט:
— וואַזשנע קלעזמער וואָס איר זייט!

ווער עס ענדיקט ניט זיין ליד
יענער איז קיין שפּילער ניט.
אסתר, חנה, דוד, ראובן!
ערשטע מאַנדאָלינעס פּרואוון.
שטאַרקער, לויטערער און העלער!
און חלילה! ניט קיין פעלער!

שפּילן זיי אַ שוסטער־ליד.
קומט דער שוסטער אינדערמיט.
קומט דער שוסטער יעקב־יעקל
מיט אַ האַמער, מיט אַ טשוועקל,
אָל און דראַטווע מיט פּאַראַד,
קלעצל, טישל און וואַרשטאַט.

זאָגט דער שוסטער: אַ גוטן מאָרגן.
קינדער ענטפערן: גוט יאָר.
זאָגט דער שוסטער: כ'בעט אייך באָרגן
מיר דאָס ליד אויף הונדערט יאָר.

נעמט דער שוסטער טשוועקלעך שלאָגן,
לעכלעך שטעכן, דראַטוועס יאָגן.
ווערן שיכלעך מיט אָפּצאַסן,

שטעקשיך שלעפן זיך געלאַסן.
קנייטשט דער שוסטער לעדער דינע
העלפט אים צו אַ מאַנדאָלינע.
פיילט ער זוילן שמאָלע, ברייטע,
כאַפּט זיך אונטער, העלפט אַ צווייטע.
קלאַפּט דער שוסטער יעקב־יעקל
נאָך אַ טשוועקל און אַ טשוועקל.
פיילט אַרויף און פיילט אַרונטער,
די קאַפּעליע העלפט אים אונטער.
ווערט אַ שטיוול שטאַרק ווי מויער,
אַ קאַמאַשל מיט אַן אויער,
הערט מען שיכלעך גייען, גייען,
הופּען־טופּען אין די רייען,
פּערצן שיכלעך, זיבן פּאָרן.
אויסגעצייכנטע קלעזמאָרים!

ווילן קינדער נאָך אַ ליד,
נאָר דאָס שטעקעלע איז מיד.
מזרח — דרימלט,
מערב — שלאָפט,
צפון — חלומט,
דרום — האָפט:
אַבי די זון זאָל געבן שיין
וועלן אם ירצה השם מאָרגן זיין
אַ נייע שפּיל, נייע נגינות,
חברה, היט די מאַנדאָלינעס!

דער פּאַסטוך

אַמאָל איז אַ פּאַסטוך געווען.
האָט ער אַפילו קיין ציג נישט געהאַט,
האָט ער אַפילו קיין רוט נישט פאַרמאָגט,
נאָר לאָנקעס האָט ער געהאַט גרינע.

איז דער פּאַסטוך אַוועק
צו זוכן אַ ציג,
אָפּצושניידן אַ רוט
איז ער געגאַנגען איבער גאָר דער מדינה.

אין אַ העלן פאַרטאָג,
ביי אַ גרינעם דאָרף
האָט ער אַ ווייסע ציג געפונען.

פון אַ הויכן דעמב,
ביי אַ בלויעם טייך
האָט ער אַ צווייגל אַ יונגען גענומען.

און ער איז געגאַנגען זיין וועג צוריק.
זיין פרייד איז גרעסער געווען ווי גאָר די מדינה,
און אַז ער איז געקומען צוריק אַהיים,
זיינען פאַרטריקנט געלעגן די לאָנקעס די גרינע.



א מעשה וועגן אַ האָן מיט אַ גאָלדענער פעדער

אַמאָל איז געווען אַ האָן
אַ האָן, ווי אַלע הענער,
מיט צוויי שפּאָרן, מיט צוויי פליגל —
ניט גרעסער ווי אַלע, ניט קלענער.

נאָר וואָס דען ?
אַ מזל האָט דער האָן געהאַט
אַ מזל אַזוי הויך ווי אַ צעדער,
ס'האָט גאָט דעם האָן אַ מתנה געשענקט —
אין איין פליגל אַ גאָלדענע פעדער.

איז דער האָן געוואָרן גרויס ביי זיך
אויפן דאַך זיך אַזש געשטעלט,
און האָט זיך פאַר אַלעמען איינמאָל באַרימט,
אַז ביי אים איז דאָס גאָרע גאָלד פון דער וועלט.

האָט דער אינדיק דערהערט, זיך צעהאָלדערט — האָלדאָר,
און נאָך אים האָבן גענדז זיך צעגאַגעט — גאַגאַ
און די קאַטשקעלעך האָבן געקוואַקעט — קוואַ־קוואַ
און די הינער מיט שמחה — קודאַך און קודאַך :
— מען זאָגט דאָך ניט גלאַט אין דער וועלט אַזאַ זאַך.

אַז דער האָן האָט דערהערט, ס'איז אַזאַ טאַראַראַם,
האָט ער נאָך מער מיט גאווה פאַרריסן דעם קאַם,
פאַררי סן דעם קאָם, און געקלאַפּט מיט אַ שפּאָרע,
און אויפן קאַנאַריק גערעדט לשון הרע :

— אָט דער קאַנאַריק, אַז אַך און אַז וויי
אויך מיר אַ זינגער... ניטאָ וואָס צו הערן.
אָבער אַז איך גיב אַ ריכטיקן קריי,

אַ מעשה וועגן אַ האָן מיט אַ גאָלדענער פעדער.

ווערן אין הימל אזש ליכטיק די שטערן.
האָט דער אינדיק דערהערט, זיך צעהאָלדערט: האָלדאָר
און נאָך אים האָבן געגנדז זיך צעגאַגעט — גאַגאַ,
און די קאַטשקעלעך האָבן געקוואַקעט — קוואַ־קוואַ,
און די הינער מיט גוואַלדן — קודאַך און קודאַך,
— מען זאָגט דאָך ניט גלאַט אין דער וועלט אַזאַ זאַך.

דער האָן האָט פּאַר גאווה די פליגל צעשפּרייט
און האָט זיך צעשריען, און האָט זיך צעקרייט:
— און די גאָלדענע פּאַווע? שטאָלצירט מיטן עק...
ווער איז זי? וואָס איז זי? — מען קאָרמעט מיט ווייצן,
אַ דריידל, אַ גאָרנישט, אַ שלאַק שעבישלעק,
זי מעג נאָך ביי מיר אין פּעטשערע הייצן...

האָט דער אינדיק דערהערט, זיך צעהאָלדערט: האָלדאָר,
און נאָך אים האָבן געגנדז זיך צעגאַגעט — גאַגאַ
— מען זאָגט דאָך ניט גלאַט אין דער וועלט אַזאַ זאַך!

דער האָן האָט די פליגל צעפּאָכעט ווי רעדער,
האָט געשפּיגלט די איינציקע גאָלדענע פּעדער:
— און וויסן זאָלט איר, איך בין ניט אַבי־ווער;
פון שלמה המלך האָט איר דאָך געהערט?
אַוודאי געהערט פון זיין אויער־האָן?
האָן, באַרבאַהאָן, באַרבאַהון, באַרבאַהען,
ער איז מיין אורעלטער־זיידע געווען!

האָבן עופות זיך אַלע צעשריען אין כאָר,
קוואַ־קוואַ, און גאַגאַ, און קודאַך און האָלדאָר,
געפאַלן צו דר'ערד, און געפלויגן אַרויף:
— אַז דער האָן איז אַ יחסן אַזאַ, און אַ ווייסער,
טאָ לאָמיר אים מאַכן אין הויף פאַר אַ קייסער!

דערווייל איז געקומען צופליען אַ קראָ,
און עס לעבט אַ קראָ דריי הונדערט יאָרן,
זי האָט לעבן האָן זיך אַוועקגעשטעלט
און איז אים מיט ווערטער אַזעלכע פאַרפאָרן:
— הענדל־האָן! וואָס מאַכסטו אַ ליאַרעם?
איך בין אַלט דריי הונדערט יאָר,
און אַן אַלטע קראָ קען מען ניט נאַרן.

איך קען דיין משפחה העט־העט פון לאַנג־אָן,
דיין מאַמען, דיין טאַטן, דעם געלינקן האָן,
דיין באָבען, דיין זיידן, דיין פעטער, דיין מומע —
אַ קליינינקע הינדל מיט פיסעלעך קרומע.
פשוטע, ערלעכע עופות געווען,
און האָבן די קערנער געפּיקט מיט אַ ברען.
ניט ליאַרעם אַזויפיל אין הויף און אין סעדער,
היט זיך, האָן! דו קענסט נאָך פאַרלירן דיין גאָלדענע פעדער!

די קראָ האָט געזאָגט און די קראָ איז פאַרפלויגן.
אין הויף איז אַ ציטער אַ טומל געוואָרן,
דער האָן האָט זיין גאָלדענע פעדער פאַרלאָרן.

און העט־העט אינדערהויך,
אַזוי הויך ווי אַ צעדער,
דער ווינט האָט געטראָגן —
די גאָלדענע פעדער.

א האָז מיט אַ העלפאַנטישער נאָז

עס איז געווען אַמאָל אַ האָז
מיט אַ העלפאַנטישער נאָז.

ער האָט געטראַכט פון זיך אַליין,
אַז זיין נאָז איז זייער שיין.

האָבן העזלעך פון אַרום
געקוקט אויף אים אַביסל קרום.

און גערופן אים דערפאַר:
נאָזע־באָזע, גרויסער נאַר.

איינמאָל טרעפט, אַז נאָזע גייט
עסן קרויט אין שכנ׳ס בייט.

ערשט עס ליגט דאָרט האָז לעם האָז,
פאַרבאַהאַלטן טיף אין גראָז.

יעדער העזל קייט און קוועלט,
אַזש די אויערלעך צעשטעלט.

ווייל ניט נאָזע לעם זיי זיצן:
ער אַ פריץ פון די פריצים.

ער אַ יחסן, ערשטע האַנט,
ער כמעט אַן עלעפאַנט.

לאַכט דאָס האָזן־פאָלק: כאַ־כאַ,
— קוק אים אָן, דעם פגע־רע;

מאַכט זיך באָזע גאָרניט וויסן,
זיצט און האַלט די נאָז פאַרריסן.

אַ האָז מיט אַ העלפֿאַנטישער נאָז

ער אַ נאַזיקער פּאַרשוין,
ברודערט זיך ניט מיט המון.

און דער שטאָלצער נאָזע גייט
גריזשען קרויט אויף ווייטער בייט.

זיצט ער, און זיין נאָז דערווייל
זעט מען אויף דער צענטער מייל.

האָז צו האָז איז גוטער ברודער,
רופט אים „לאַפּקע" מיט גערודער:

האָזע־באָזע, שלאַקן־שלעק,
דיין לאַנגע נאָז ערגעץ פאַרשטעק.

מאַכט זיך באָזע גאָרניט וויסן,
זיצט און האַלט די נאָז פאַרריסן.

האָז צו האָז איז פּאָרט אַ פעטער,
רופט אים העזל „ציינדל" שפּעטער:

האָזע־באָזע העלעפאַנט,
באַהאַלט דיין נאָז ערגעץ אין זאַמד!

מאַכט זיך באָזע גאָרניט וויסען,
זיצט און האַלט די נאָז פאַרריסן.

אייגן בלוט איז פּאָרט דאָך הייס,
שרייט שוין העזל „שפּרינגער" בייז:

האָזע־באָזע, גרויסער נאַר!
באַהאַלט די נאָז, ס'איז אַ געפאַר!

און דער וועכטער פון זיין בויד
שטייט און קוקט און היט דאָס קרויט.

ערשט ער זעט, עס שטעקט אַ נאָז.
— אָ! מסתּם איז דאָרט אַ האָז!

הייבט ער אויף דעם לאַנגן שטעקן
און ער לויפט דאָס העזל דעקן.

זעען העזלעך — עס איז ביטער.
פּיסלעך גיבן אַזש אַ ציטער.

פלאַטער, שאָרך, און שפּרונג, און פלי,
און נישטאָ זיי, און נישט הי.

נאָר אַ צרה! באָזעס נאָז
האָט פאַרטשעפּעט זיך אין גראָז.

אומגליק גרויסער! טויזנט שרעקן!
ס'קומט דער וועכטער מיטן שטעקן!

נאָר אַ נס — מיט גרויסער היץ
לויפט אָן „שפּרינגער" ווי אַ בליץ,

און ער האָט אַ גוטע עצה:
ער כאַפּט באָזען אויפן פּלייצע,

און צוויי האָזן פייל אוים בויגן
זיינען העט אַוועקגעפלויגן.
בלויז די עקלעך ביי זיי
דרייען זיך ווי רעדלעך צוויי.

אַבי אַזוי! געלויבט איז גאָט!
אומעטום איז זיין געבאָט.

פייגע-ציגעלע

אין אַ לאַנד אַ ווייטן
האָט געלעבט אַמאָל פאַרצייטן
אַ סטאָליאַר, אַ בעל־מלאכה
און זיין ווייב חיה־ברכה.

האָבן זיי געהאַט אַ שטוב מיט אַ קעמער,
אַ ברונעם מיט אַן עמער,
אַ סוכה מיט אַ ריגעלע,
און אַ טאָכטער פייגע־ציגעלע.

דער סטאָליאַר רויכערט אַ ליולקע
און מאַכט טישן,
די סטאָליאַרקע גייט אין אַ פאַרטאַך
און באַקט קנישן.
זייער טאָכטער פייגע־ציגעלע
מאַכט פריילעך דאָס געזינדל,
זינגט אויפן גאַניקל
און שפּילט אויף אַ צימבל.
איינמאָל קלאַפּט דער סטאָליאַר מיטן האַמער,
די סטאָליאַרקע ראַמט צו דעם קאַמער,
ערשט פּלוצלינג דערהערן זיי,
אויפן גאַניקל — קוקורעקו, אַ קריי.

קוקן זיי איינע די אַנדערע אָן:
ווי קומט אויפן גאַניקל קרייען אַ האָן?
עס איז דאָך אַ זאַך ניט געהערט, ניט געזען,
אַז עס איז גאָר ביי זיי קיין האָן ניט געווען.

רופט די סטאָליאַרקע זייער פּאַוואָלינקע:
— פייגע־ציגעלע, וואָס טוט זיך דאָ טאָן?
ווי קומט אויפן גאַניקל קרייען אַ האָן?

זאָגט פייגע־ציגעלע אַ בשורה זיי אָן:
— איך האָב געזונגען אַ ליד פון אַ האָן,
ערשט לעם דעם צימבל דער האָן איז פאַראַן,
קרייט קוקורעקו און טרייסלט דעם קאַם.

זאָגט איר די סטאָליאַרקע
זייער פּאַוואָלינקע:
— אויב אַזוינס קען געשען,
זאָלסטו פייגע־ציגעלע, היטן זיך, זען,
זאָלסט חלילה ניט זינגען פון קייסער קיין ליד,
ווייל ער וועט דאָ קומען, וועט זיין אַ יאַריד,
מיט צען גענעראַלן, מיט דינסט־צום־באַפעלן,
מיר האָבן קיין כיבוד פאַר זיי נישט צו שטעלן.

ענטפערט פייגע־ציגעלע קלוג, מיט רעזאָן:
— גוט, האָסט געזאָגט, כ'וועל עס קיינמאָל ניט טאָן.

נאָר פייגע־ציגעלע האָט אַזאַ טבע געהאַט —
פאַרגעסן אַ צוזאָג תיכף ומיד.
און ווען דער מאָן האָט לעם גאַניקל פריילעך געבליט,
האָט פייגע־ציגעלע געזונגען פון קייסער דאָס ליד.

דער סטאָליאַר האָט דעמאָלט געהובלט אַ ברעט,
די סטאָליאַרקע האָט געשווענקט אין אַ וואַש־שיסל גרעט.
ערשט פּלוצלינג זיי הערן: עס שפּילן טראָמפּייטן,
עס קומט אָן דער קייסער מיטן גאַנצן באַגלייטן.
און אויפן גאַניקל ער שטייט טאַקע שוין
אין זיידענעם ראָק און אין גאָלדענער קרוין.

ווערט אַ ליאַרעם ביים סטאָליאַר אין שטוב, אַ יאַריד:
— אַי ווײַ, פייגע־ציגעלע האָט געזונגען דאָס ליד!

אַ קליינקייט גאָר? מען דאַרף דאָך פאַרשטיין,
עס איז דאָך געקומען דער קייסער אַליין.
דער קייסער, די סוויטע און אויך די פּרינצעסן,
וואָס טוט מען, וואָס גיט מען אַזעלכע געסט עסן?
האָט די סטאָלאַרקע אַ קיכל פאַרקנאָטן פון מעל,
דעם קיכל אין אויוון געגעבן אַ שטעל,
געוואונטשן, ער זאָל אויפגיין, ניט ווערן פאַרברענט,
כאָטש פאַרן קייסער ניט בלייבן פאַרשעמט.

איז דער קיכל געוואָקסן אַזוויי אויף הייוון,
אין דער לענג, אין דער ברייט, איבערן גאַנצינקן אויוון.

האָט מען דעם קוכן דעם גרויסן צעשניטן,
אַ לעקאַך פון ברעג און אַ חלק פון מיטן.

איז עס ביים סטאָליאַר אַ סעודה געווען,
אַז אַפילו דער קייסער האָט אַזוינס ניט געזען.

זיצט דער קייסער, פאַרשטייט זיך, פון אויבן־אָן.
פון דער רעכטער זייט דער ווייסער האָן.
פייגע־ציגעלע זיצט לעם דער שיינער פּרינצעסן,
די גענעראַלן האָבן אויך דעם קוכן געגעסן.

דער סטאָליאַר, די סטאָליאַרקע כּיבוד דערלאַנגען,
ביז צוועלף באַדערנאַכט איז די סעודה געגאַנגען.

די ברעקלעך די זיסע פון אַרום און אַרונד,
געבליבן פאַר אונדז, וועט אונדז זיין צו געזונט.

כיענעלע דזשין
און דער פויגל שיר־אָשיר

ביי כיענעלע־דזשין
מיטן ווייסינקן קלייד
האָט זיך עפּעס אין קעפּל
אין בלאָנדן פאַרדרייט.

און זי זאָגט צו דער מאַמען
כיענעלע־דזשין:
— מאַמע, איך וויל קויפן,
איך דאַרף אַ מאַשין.

אַ מאַשין מיט אַ רעדל,
מיט שויבן, מיט שינעס,
אַ מאַשין מיט אַ מאָטאָר,
ווי אַלע מאַשינעס.

איך דאַרף פאָרן צו גאַסט,
עס איז אַ בריוו דאָ צו מיר
פון דעם פויגל דעם שיינעם,
וואָס הייסט שיר־אָשיר.

אַז ער זינגט — קומט דער טאָג,
אַז ער שווייגט — קומט די נאַכט.
ס׳האָט נאָך קיינער אַ פויגל אַזאַ
ניט געדאַכט.

ענטפערט די מאַמע דער קליינינקער דזשין:
— אַ זעקל מיט געלט קאָסט אָפּ אַ מאַשין.
מיר וועלן ניט האָבן קיין זעקל מיט געלט.
ווען מיר וועלן אַפילו אַדורכגיין די וועלט.

זיצט כיענעלע, וויינט,
פֿאַרדוקט אין אַ ווינקל,
די בלאָנדינקע הערעלעך
פֿאַר צרות שוין טונקל.

איז די מאַמע פֿאַרזאָרגט
און דער טאַטע פֿאַרטראַכט:
— וואָס טוט מען, וואָס מאַכט מען
מיט כיענעלע־דושין?
מען קען דאָך ניט קויפֿן
פֿאַר איר קיין מאַשין!

און כיענעלע וויינט,
און עס קלעמט זי דאָס האַרץ.
דאָס בלאָנדינקע קעפּל
איז אינגאַנצן שוין שוואַרץ.

פּלוצלינג דערהערט זי
אַ קלאַפּ אין אַ שייבל,
און עס קומט אַ שטאַפּעטל
אַ פּיצינקע טייבל.

אַ קעפּל — אַ ברעקל,
אַ שנאָבל — אַ שטעקל,
אַ פֿליגל — אַ בייגל,
און רעדט, ווי אַ חכם,
דער קלייניקער פֿויגל:

— אַ חרפּה צו וויינען,
כיענעלע־דושין,
דו דאַרפֿסט אויף כּפּרות
די נייע מאַשין.

ביענעלע־דזשין און דער פויגל שיר־אָשיר

הער זיך צו:
כ'וועל אַן עצה אַ גוטע דיר געבן,
ווער עס זאָרגט —
בלייבט אַ נאַר אויפן גאַנצינקן לעבן.

כיענעלע־דזשין,
פאַרלאָז זיך אויף מיר,
כ'בין אַ דינער ביים פויגל,
וואָס הייסט שיר־אָשיר.

ער שיקט דיר זיין בעסטן,
זיין ליבסטן גערוס,
און ער זאָגט,
אַז מען דאַרף צו אים קומען צופוס.

אין אַבי־וואָסער קלייד
און אָן גאַווה, אָן שטאָלץ,
אין שיכלעך אַפילו
פון פשוטן האָלץ.

וויל כיענעלע־דזשין
טאָן נאָך עפּעס אַ פרעג,
ערשט זי זעט,
אַז זי גייט שוין
אינמיטן אַ וועג.

און דער פויגל־שטאַפּעטל
פליט פאָרויס
גיך־אויף־גיך,
און זי זעט,
אַז זי גייט שוין
אין הילצערנע שיך.

גייט דער וועג באַרג אַרויף
און דער הימל איז בלוי,
פון רעכטס און פון לינקס
איז אַ זילבערנער טוי.

אויפן באַרג שטייט אַ דעמב
צווייגן צוואַנציק און פיר,
און עס זינגט דאָרט דער פויגל,
וואָס הייסט שיר־אָשיר.

ער זינגט פון דער זון
מיט איר גאָלדענעם קאַם,
וואָס באַלייכט אונדז די וועלט
פון דעם הימלישן ראַם.

און כיענעלע־דושין
אַלע טאָג זינגט זיין ליד,
און זי גייט באַרג אַרויף,
און זי פילט ניט די טריט.

אַ שפּאַציר

זאַלבעפערט איז מען געגאַנגען
איינמאָל זומער, אין אַ פּאַרק, אויף אַ שפּאַציר.
שרה, חנה, חוה׳לע — איז דריי.
און דאָס הינטל, שוואַרצע פּינטל — איז שוין פיר.

ס׳איז גוט אין פּאַרק,
די בלעטער זיינען גרין, די שטאַמען — ברוין,

בלאָנדזשעט מען אַביסל, און אַביסל זיך געדרייט.
חוה׳לע די קליינע, איז פאַרמאַטערט שוין,
שלאָפט זי גייענדיקערהייט.

זעט זי: ס׳שטייט אין פּאַרק אַ פערדל,
ווי אין ביכל אויסגעמאָלט:
אויפן האַלדז אַ רויטע לייצע
און די קאָפּיטעס פון גאָלד.

גיט אים חוה׳לע אַ ריר,
נעמט דאָס פערדל לויפן, שפּאַנען,
הינטל־פּינטל לויפט אים נאָך,
און זי אויך מיט זיי צוזאַמען,
איבער גראָז און איבער מאָך.

שטייט אַנטקעגן זיי אַ וואָגן.
גיט אים חוה׳לע אַ ריר —
הויבן אָן זיך רעדלעך דרייען,
פריער איינס, דערנאָך אין צווייען
און דערנאָך שוין אַלע פיר.
און זי זיצט אַליין אין וואָגן,
ס׳פערדל לויפט, דיביימער יאָגן.
רעדלעך גלאַנציקע, געגילט,
הינטל־פּינטל לויפט און בילט.

שטייט אַנטקעגן זיי אַ בוים,
גיט אים הוה׳לע אַ ריר;
ווערן צווייגן לאַנג, ווי שטראַלן,
רויטע עפּל נעמען פאַלן.
דרייט דער בוים זיך צוויי מאָל אוים
און עס פאַלן אַלע עפּל
מיטן הענגל, מיטן שטענגל,
גלייך צו הוה׳לען אין שוים.
ס׳שפּרינגט דאָס פערדל,
פאָרט דער וואָגן,
הינטל־פינטל לויפט און בילט,
און עס דרייען זיך די רעדלעך
גלאַנצעדיקע, אָפּגעגילט.

פאָרט מען וויים, וועג־איין, וועג־אוים,
זיינען וועגן וויים און גלייך,
קומט מען צו אַ ווייסן הייזל,
און לעם הייזל לויפט אַ טייך.
שטעלט זיך אָפּ דאָס פערדל טרינקען,
הינטל־פינטל בילט — אַ וועלט,
און הוה׳לע דערזעט לעם הייזל
אַלע צאַצקעס אויסגעשטעלט.

שטייט דער קעמל מיטן האָרב,
און לעם אים דער ווייסער בער.
און דער אייזל,ביידע אויערן
אויפגעפלאָכטן, ווי אַ שער.
שטייט די ציג, מיט אַ ציגן־בערדל,
און לעם איר — אַ ווייסער צאַפּ.
און אַ קיעלע מיט הערנער,
און דאָס קעצל־קיצל־דראַפּ.
ס׳שטייט אַ שעפּסעלע פון וואָל.
און עס שטייט אַ סטאַדע געגרזלעך,
גאַנצע זיבן זייער צאָל.

גיט חוה יעדערן אַ רוף
מיטן נאָמען, ווי געגעבן,
וועקן זיי זיך אַלע אויף,
אַלע הויבן אָן צו לעבן.
זאָגט זי יעדערן אַ וואָרט,
הויבט אָן אין אים אַ האַרץ צו קלאַפּן,
ביי דעם קעמל, ביי דעם בער,
ביי דעם ציגעלע און צאַפּן.
שרייט דער רעדי־בער — האָ־האָ,
און די גענדזעלעך — גאָ־גאָ,
מיאוקעט ס׳קעצעלע — מיאו־מיאו,
און דאָס הינטל בילט — האו, האו,
ווערט אַ הוקען, צוקען, מוקען,
און דער קעמל, דער בעל־גאווה,
וויל אין יענער זייט ניט קוקן.
פלוצלינג קומט ער מיט אַ טענה;
— כ׳וויל ניט זיין אַ צאַצקע דיינע.
איך וויל גיין מיט קעמלען שפּאַנען,
דאָרט וואו ס׳גייען קאַראַוואַנען.
שרייט דער אייזל: — ווער בין איך?
כ׳וויל ניט שטיין מיט קליינע גענדזלעך
וואָס זיי גייען רויטע שיך.
זאָגט דאָס קיעלע: — אַוודאַי,
וואָס טו איך דאָ אין דער סטאַדע,
אין דער חברה, אין דער גוטער?
איך קאָן געבן מילך מיט פּוטער.
און דאָס שעפּסל מיטאַמאָל:
— איך האָב שיינע, ווייסע וואָל,
וואַרעמע און זייער דינע,
ווייסט מען איבער דער מדינה.
און די ציג — איז דאָך געווים —
שפּרינגט אין הימל — שיינע פיס,
און אַפילו קעצל־דראַפּקע

פּאַקעט אויך דאָרט מיט אַ לאַפּקע.
ווערט אַזאַ בארימעריי.
שרייען אַלע מיטאַמאָל,
יעדערער, ווי ס'איז זיין קול.
שרייט דער אייזל — טו־טו־טו,
און דאָס קיעלע — מומוקעט,
און דער צאַפּ האָט זיך צעמרוקעט,
שרייט דאָס ציגעלע — מע־מע,
און דאָס שעפּסעלע — נע־נע,
שרייען חיות: איך, און איך,
דער מיט הערנער, דער מיט וואָל,
דער מיט זיינע שיינע שיך.
חוה'לע אינמיטן טומל
הייבט זי אָן די קינדער רופן:
שרה, חנה — קומט אַהער,
ס'איז דאָך דאָ דער גאַנצער רומל
מיטן קעמל, מיטן בער.
שפּאַנט מען אַלעמען אין וואָגן,
גאָט אין הימל! — דיין געשפּאַן!
און עס פאַלן רויטע עפּל
וואו אַ בוים איז נאָר פאַראַן.

שרה, חנה, חוה'לע
אויפן וואָגן אויבן אָן.
איצט איז שוין אַ פולע שמחה,
ס'פעלט אונדז נאָר די ווייסע פאָן.

דער שניידער און די גאָלדענע נאָדל

אַ שניידער איז אײביק אַ פריילעכער יונג,
אַ שניידעריש לידל דערהערט מען פונווייטן.
אַ וויץ און אַ ווערטל אויף שפּיץ פון דער צונג
און מעשׂות דערציילט ער פון היינט און פאַרצייטן.

האָט איינמאָל אַ שניידער אַזאַ־אַ געלעבט,
אַ שניידער פון אייביקע יאָרן, פון טאַטעס.
האָט ער אַ גאָלדענע נאָדל געהאַט
און אַ מייסטער געווען אויף לייגן לאַטעס.

אַ לאַטע געלייגט און פאַרנייט און פאַרפּרעסט,
אַ לאַטע געלייגט די שענסטע אין לאַנד.
האָבן אַלע דעם פריילעכן שניידער געשעצט,
געלויבט פאַר די לאַטעס און פאַרן טאַלאַנט.

איז די מעשׂה דערגאַנגען צום פּרעזידענט,
האָט ער זיך פאַרוואונדערט און ער האָט געזאָגט:
— אַ שאָד, מיטן שניידער איך בין ניט באַקענט,
איך בין ניט באַקענט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

האָט מען צום שניידער געשריבן אַ בריוו,
געשריבן אַ בריוו אין דעם שענסטן קאָנווערט,
אַז דער פּרעזידענט פאַרבעט אים צו זיך,
מסתּם איז דער פריילעכער שניידער דאָס ווערט.

איז דער פריילעכער שניידער צום שערער אַוועק:
— שער מיך אָפּ, גאָל מיך אָפּ און מאַך מיך צום לייט.
און ער האָט זיין גאָלדענע נאָדל פאַרשטעקט
פון פראָנט אויפן לאַץ, אין דער רעכטער זייט.

און ער איז געקומען צום פּרעזידענט
און האָט זיך פאַרנויגט, ווי עס דאַרף צו זיין,

אין לאַץ האָט די גאָלדענע נאָדל געברענט,
אַזױװי די זון זאָל געבן אַ שײַן.

— הער פּרעזידענט, װאָס איז דײַן באַגער?
פֿאַר דיר איז מיר קײן זאַך ניט צופֿיל, ניט שװער.
הער פּרעזידענט, װאָס איז דײַן נױט?
דו זעסט דאָך מײַן גאָלדענע נאָדל איז גרײט.

האָט דער פּרעזידענט דערלאַנגט אים די האַנט:
— איך האָב געהערט פֿון דײַן גרױסן טאַלאַנט,
און איך װעל דיר זאָגן עפּעס װאָס נאָך:
אַז אין מײַן בלױען זײַדענעם ראָק
איז מיר געװאָרן אין פֿאַלע אַ לאָך.
און בײַ דער פּרעזידענטקע האָט נעכטן פֿאַרטאָג
אַן אײגל געפּלאַצט אין דער פּיאַטע פֿון זאָק.

האָט דער שנײַדער געטאָן זיך אַ זעץ אױפֿן טיש,
די פּיס אונטער זיך, און אַ קנאַק מיט דער צונג.
דעם פֿאָדעם אַ לעק און די נאָדל אַ װיש —
אַזױ האָט ער ליב געהאַט נײען, דער יונג.

געניײט און געניײט,
אַהין און צוריק,
אַ קניפּל אַ שלײף
און אַ פֿאָדים אַ פֿליק.

אױף פֿאָרנט אַ צי,
און אױף הינטן אַ לען,
און בײַם פּרעזידענט און דעם זײַדענעם ראָק,
אַזױװי גאָר קײנמאָל קײן לאָך ניט געװען.

דערנאָך האָט דער שנײַדער דאָס היטל פֿאַרדרײט
און פֿאַר דער פּרעזידענטקע די פּיאַטע פֿאַרנײט.
אַ נײ און אַ שטאָך,
מיט דער נאָדל אַ גלאַנץ,

און דאָס אייגל געכאַפּט,
און די פּיאַטע איז גאַנץ.

האָט דער פּרעזידענט די אַרבעט באַטראַכט,
און געזאָגט, אַז ס'איז גוט, און דעם שניידער באַדאַנקט
און מען האָט אין דער זעלביקער רגע, מינוט
אויף אַ טאַץ אים אַכט גאָלדענע טאָלער דערלאַנגט.

נאָר דאָ איז אַ מעשה פּאַרלאָפן, געשען,
מיט דער גאָלדענער נאָדל — אַ מעשה איז דאָ.
ווען דער שניידער ט'געפּרייט זיך מיט האַרץ און מיט ברען,
ערשט אין לאַץ איז די גאָלדענע נאָדל נישטאָ.

נישטאָ און נישטאָ
די גאָלדענע נאָדל.
פֿאַרלאָרן געוואָרן
די גאָלדענע נאָדל.

האָט מען צען דינער, צען דינסטן באַגלייבט
זיי זאָלן די גאָלדענע נאָדל געפינען,
זיי האָבן געזוכט און געזיפּט און געשטויבט,
און ס'האָט זיך געקימערט די גאַנצע מדינה.

נישטאָ און נישטאָ
די גאָלדענע נאָדל.
פֿאַרלאָרן געוואָרן
די גאָלדענע נאָדל.

האָט מען געזוכט
וואו אַ שפּאַלט, וואו אַ לאָך.
אין גראָז און אין מאָך,
איבער דילן און ווענט —
פֿאַרפאַלן געוואָרן פון אונטער די הענט.



דער שניידער און די גאָלדענע נאָדל

איז דער שניידער געקומען פֿאַרדאגהט, צעקלעמט,
געקומען אַהיים צעקנייטשט און צעפּאַטלט.
ערשט ער גיט זיך אַ ריר, און מיט פֿרייד ער דערקענט,
עס גלאַנצט דאָך די נאָדל ביי אים אין כאַלאַטל.

אַך די גאָלדענע נאָדל! פרעגט שוין ניט פרעגט,
ווי קאָן זיך אַ מענטש אַזוי שטאַרק פֿאַרגעסן ?
ער האָט דאָך אַליין זי דאָרטן פֿאַרשטעקט,
ווען ער איז אין די הויכע פענצטער געזעסן.

נו, אויב אַזוי איז דאָך גוט,
ווי איך בין אַ ייד,
פון דעמאָלט אָן זינגט דער שניידער
דאָס פרייליכסטע ליד.

דער אָרעמאַן און די לבנה

אַמאָל איז געווען אַן אָרעמער ייִד,
געוואוינט אין אַ שטיבל אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן,
ווי איז זיין נאָמען — ווייסן מיר ניט.
נאָר וואָס דאַרף אַ נאָמען אַן אָרעמער ייִד?
מען האָט אים גערופן: דער אָרעמאַן.

האָט דער אָרעמאַן געדאגהט, געזאָרגט,
אַביסל געליען, אַביסל געבאָרגט,
פון פּורים ביז פּסח,
פון יום טוב צו וואָך,
געלאַטעט דעם דלות,
אַ לאָך אויף אַ לאָך.

איז איינמאָל זיין ווייב געקומען צוגיין:
— זיין אַן אָרעמאַן איז ניט גוט
און ניט שיין.
איך האָב ניט קיין קלייד,
און ס'איז פינצטער אין הויז,
מיר מוזן פון ביטערן דלות אַרויס.

טראַכט דער אָרעמער ייִד:
— מיין ווייב איז גערעכט,
זיין אַן אָרעמאַן איז ניט שיין
און ס'איז שלעכט.

דערנאָך איז געקומען מיט טענות דער זון:
— טאַטע, די שיך מיינע זענען שוין קרום.
די קינדער פון גאַס לאַכן פון מיר
און שפּאָטן מיך נאָך: גביר בן גביר.

טראַכט דער אָרעמער ייד:
— מיין זון איז גערעכט,
זיין אַן אָרעמאַן איז ניט שיין
און ס׳איז שלעכט.

זיצט ער אַזוי
פאַרזאָרגט אין דער שטיל,
איז געקומען דאָס מייזל
פון אונטערן דיל.

— באַלעבאָס!
עס איז הונגער און קעלט
אין מיין נאָרע.
עס העלפט ניט איך סקראבע,
עס העלפט ניט איך פאָרע.
באַלעבאָס, ניט פאַרגעס,
איך מוז האָבן צו פרישטיק
אַ שטיקעלע קעז.

האָט דער אָרעמאַן פאַר דער מויז זיך פאַרשעמט,
פאַרן ווייב, פאַרן זון און אַפילו די ווענט.
די וועלט איז דאָך אוים,
אַז מען קען ניט באַשפייזן
אַפילו אַ מויז.

דער אָרעמער ייד פון שטוב איז אַוועק,
ביי לייטן אַן עצה צו געבן אַ פרעג.
זעט ער אין הימל די לבנה גייט,
ליכטיק און לויטער
אין אַ זילבערן קלייד.

דער אָרעמאַן און די לבנה .

זאָגט ער צו איר:
— ס'איז דיר גוט, קיין עין הרע,
און איך קען ניט שפּייזן
קיין מויז אין דער נאָרע.

גיב מיר אַן עצה,
דו ווייסט דאָך, מסתּם,
ווי אַזוי ווערט מען
אוים אָרעמאַן?

דו שווימסט דאָך אַרום
איבער לענדער און האַפן,
און אַלט ביסטו שוין —
זינט די וועלט איז באַשאַפן.

זאָגט די לבֿנה אין גרינגן געמיט:
— איך וועל דיר דערציילן,
מיין עצה נעם מיט.

מעג זיין אַ רעגן
און מעג זיין אַ ווינט,
איך היט מיר מיין וועג
און מיין לייכטער איך צינד.

עס טרעפט, אַז אַ שטורעם אַ פינצטערער קומט,
און פאַרדעקט מיר מיט פלעקן מיין זילבערנעם רונד,
עס גייט דער שטורעם פאַרביי,
זוך איך מיין לויטערן וועג אויפדאָסניי.

און געדענק:
זאָלסט ניט קיינמאָל פאַרלירן דיין מוט,
די וועטערן בייטן זיך,
שלעכט, אָדער גוט.

פון דער דאָזיקער מעשה
מיר ווייסן ניט מער, —
צו אונדז איז דערגאַנגען
אַ ווייטער געהער —
מען זאָגט, אַז אין שטוב
ביי דעם אָרעמען יידן
דאָס מייזל אין נאָרע
לעבט זייער צופרידן.
און ווען ס'טרעפט — ס'איז אַ שטורעם,
ס'ווערט פינצטער די וועלט, —
געדענקט דער ייד די לבנה
און וואָס זי האָט באַפעלט.

אַ מעשה וועגן אליהו הנביא

אַמאָל האָט זיך אליהו פאַר אַן אָרעמאַן פאַרשטעלט,
גענומען אַ טאָרבע און אַוועק איבער דער וועלט.
און פאַרשטעלט האָט ער זיך, מען זאָל אים ניט דערקאָנען,
ער זאָל זען די מענטשן פּנים אל פּנים,
ווער עס איז גוט, און ווער עס איז שלעכט,
ווער עס לעבט מיט פאַלשקייט און ווער מיט רעכט.
גייט אליהו אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן
קומט אים אַנקעגן אַ ייד אַן אָרעמאַן.
פרעגט דער אָרעמאַן: וואוהין גייט אַ ייד?
ענטפערט אליהו: אָט מען גייט, און גאָט היט.
און דער ייד האָט ניט דערקאָנט, אַז ס'איז אליהו פאַרשטעלט
זאָגט ער צו אים: אויב אייך געפעלט
וועל איך גיין מיט אייך, וואו איר וועט גיין,
ווייל עס איז סומנע אין וועג אַליין.
ענטפערט אליהו: קומט, פאַרוואָס ניט?
נאָר איין בקשה האָב איך, ר' ייד,
וואָס איר וועט הערן, און וואָס איר וועט זען,
זאָלט איר קיין קשיות ניט פרעגן אויף דעם.
גיט דער אָרעמאַן אַ לאַך פון דער זייט:
— נו, וואָס קען דאָ טרעפן ביי צוויי אָרעמעלייט.

זיינען זיי געגאַנגגען וואַלד איין און וואַלד אויס
ביז זיי זיינען צו אַ שטעטל מיט יידן אַרויס.
עס איז שוין געווען שפּעט, די זון האָט זיך געזעצט,
דער טוי אויפן גראָז האָט די פיס זיי גענעצט.
זאָגט דער אָרעמאַן: מען מוז אַ נאַכטלעגער קריגן,
אַ מורא און קאַלט איז אינדרויסן צו ליגן.
שטייט פאַר זיי אַ שטיבל אויף הינערשע פיסלעך,
די שייבעלעך קרומע, אַ טירל אָן שליסלעך.

זאָגט אליהו: לאָמיר אַריינגיין אַהער,
דאָ וואוינען מענטשן, וואָס אַרבעטן ערלעך און שווער.
זיי גייען אַריין, — אין שטוב אַ לעמפּעלע ברענט,
עס קריכן די שאָטנס אויף צעבויגענע ווענט.
דאָרט וואוינט אַן אַלמנה, אַן אָרעמע פרוי,
זי און איר יינגל, ביידע שלאָפן אויף שטרוי.
און אַ ציג איז מיט זיי, אַ חיה אַ שטומע,
זיי פאַרקויפן דאָס מילך און ציען חיונה.

די אַלמנה האָט דערזען צוויי אָרעמע יידן
האָט זי זיי אויפגענומען זייער צופרידן.
געגעבן זיי ברויט און זויער־קוואַס ריינעם —
קיין מילך איז נישטאָ, זי פאַרקויפט עס צו שכנים.
ס'האָט זיך די אַלמנה פאַר די יידן פאַרטרויט:
איך האָב, גאָט צו דאַנקען, דאָס שטיקל ברויט.
מיך אַרט ניט פאַר עסן, מיך אַרט ניט פאַר קליידער,
נאָר עס פעלט אויף צו שיקן דאָס יינגל אין חדר.

זאָגט אליהו: גאָט וועט אייך שפּייזן,
און דעם יינגל וועל איך דעם אלף־בית ווייזן.
ביז וואַנען דאָס לעמפּל האָט אויסגעברענט
האָט דאָס יינגל דעם אלף־בית שוין אינגאַנצן געקענט.
געזאָגט נאָכאַנאַנד פון אלף ביז תיו.
זאָגט אליהו: וועסט זיין מירטשעם אַ רב.
צומאָרגנס האָט די אַלמנה זיי פריינדלעך באַגלייט,
און געוואונטשן זיי גיין געזונטערהייט.
ווען די יידן זיינען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט,
האָט אליהו זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג אינדערמיט,
זיין פּנים פאַרזאָרגט, דער שטערן אין קאַרבן,
ער טוט תּפילה — די ציג ביי דער אַלמנה זאָל שטאַרבן.
ווערט דער ייד, דער אָרעמאַן פאַרציטערט ביז גאָר,
ער וויל שרייען, זיך קריגן, אַזש רייסן די האָר.

נאָר ער מוז האַלטן זיין צוזאָג: וואָס ער וועט הערן און זען,
טאָר ער קיין קשיות ניט פרעגן אויף דעם.

גייען זיי ווייטער וואַלד איין און וואַלד אויס
ביז זיי זיינען אויף אַ וועג צו אַ שטעטל אַרויס.
עס איז שוין געווען שפּעט, די זון האָט זיך געזעצט,
דער טוי אויפן גראָז האָט די פיס זיי גענעצט.
זאָגט דער אָרעמאַן, מען מוז אַ נאַכטלעגער קריגן,
אַ מורא און קאַלט איז אינדרויסן צו ליגן.
שטייט אַנקעגן אַ מויער, אַ פּאַלאַץ כמעט,
עס וואוינט אַ גביר דאָרט צעפּרידן און זאַט.
זאָגט אליהו: לאָמיר פּרואוון אָט דאָ
זוכן אָן אָפּרו אויף עטלעכע שעה.
קלאַפּן זיי אָן און בעטן באַשיידן
אַ ווינקל אין ערגעץ אויף שלאָפן פאַר ביידן.
האָט די טיר זיך געעפנט און עס שרייט דער גביר:
— עס איז נישט קיין אַכסניה פאַר שלעפּער ביי מיר.
אַ חוצפּה אַזאַ! ווי מען איז דאָס פאַרשייט!
נישט פּטור צו ווערן פון די אָרעמע לייט.
זאָגט אליהו צום גביר מיט אַ שמייכל:
— שרייט ניט אויף אָרעמע יידן, זייט מוחל.
אויב עס איז אַזוי ענג אין דעם הויז אין דעם גרויסן,
שפּאַנט אַריבער די שוועל און מיט אונדז בלייבט אינדרויסן.
איילט זיך צו, רב גביר, און טוט, ווי איך זאָג,
איר האָט שוין קיין צייט ניט צו אָנטאָן דעם ראָק.

און אַזוי־ווי ער רעדט, ערשט דאָס הויז שטייט אין פלאַמען.
עס ברענט דער דאַך, און די ווענט, און דאָס רייכטום צוזאַמען.
ווען די יידן זיינען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט,
האָט אליהו זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג אינדערמיט,
און האָט תּפילה געטאָן צו גאָט מיט אַ קרעכץ:
— זאָל דעם נשרף ניט פעלן קיין ברויט און געקעכץ.

ווערט דער אָרעמאַן פאַר צאָרן אַזש בלאַס,
און ער שרייט צו אליהו מיט ביטערן כעס:
— איך וועל מער ניט שווייגן, איך וויל חשבון ביי דיר,
פאַרוואָס האָסטו רחמנות אויפן רשע דעם גביר,
פאַר דער אָרעמער אַלמנה וועל איך פירן אַ קריג,
פאַרוואָס האָסטו געשאָלטן עס זאָל שטאַרבן די ציג?
זאָגט אליהו: דו האָסט קשיות געפרעגט, וועל איך ענטפערן דיר,
נאָר דו קענסט מער ניט גיין שוין צוזאַמען מיט מיר.
און אליהו הנביא גערעדט האָט מיט צער:
— פון הימל געווען איז אַ ביטערער גזר,
אַז די אָרעמע אַלמנה זאָל שטאַרבן די טעג,
האָב איך רחמים געבעטן, די ציג זאָל אַוועק.
און די אַלמנה וועט האָבן אַן עלטער אַ וואוילן,
איר זון וועט זיין אַ רב, אַ מפורסם אין פוילן.
און פאַרן רשע דעם גביר, ווייל זיין האַרץ ליגט צו שלעכטס,
האָב איך געבעטן אויף ברויט און געקעכץ

און אַ טראָפּעלע רחמים פאַר זיינעטוועגן,
ער זאָל, חלילה, ניט ווערן קיין גזלן אויף וועגן.
און אליהו הנביא האָט זיין טאָרבע פאַרבונדן,
געזאָגט אַ גוטע נאַכט, אַוועק און פאַרשוואונדן.

די דאמע מיטן הינטל

(מאָטיוו פון ס. מאַרשאַק)

מיט אַ גרויסן באַגאַזש
קומט אַ דאַמע צום באַן.

אַ קערבל,
אַ קעסטל,
אַ קליין טשעמאָדאַן,
אַ פּעקל,
אַ זעקל,
אַ פּודעלע גרויס, ווי אַ פינטל,
און אַ קליין הינטל.

ט'דאָס געבומען אַ מענטש מיט אַ קנאָפּ אויפן היטל
און ט'געגעבן אַ גרינעם, געשטעמפּלטן קוויטל.

די באַן גיט אַ פייף
און נעמט פאָרן,
און דאָס הינטל —
אַ ביל,
און אַ שפּרונג,
און פאַרלאָרן.

ווערט אַ גרויסער קוראַזש,
און מען ציילט דעם באַגאַזש:
אַ קערבל,
אַ קעסטל,
אַ קליין טשעמאָדאַן,
אַ פּעקל,
אַ זעקל,
אַ פּודעלע גרויס, ווי אַ פינטל —
נאָר וואו איז דאָס הינטל?

דערווײַל שטייט אַ הונט,
אַ גרויסער, אַ בייזער,
אַ פּוד מיט אַ פונט.

מען גיט אים אַ נעם,
און אַ יאָג,
און אַ טראָג אַפן באַן
צום קערבל,
צום קעסטל,
צום קליין טשעמאָדאַן,
צום פּעקל,
צום זעקל,
צום פּודעלע גרויס, ווי אַ פינטל,
אַפן אָרט פון דעם הינטל.

פאַרהאַקט
און פאַרפּאַקט
און מען פאָרט.
דריי נעכט
און דריי טעג
אַלץ אין וועג.

דערנאָך קומט די דאַמע צו גיין מיט אַ רעש:
— גיט אַהער מיין באַגאַזש!

אַ קערבל,
אַ קעסטל,
אַ קליין טשעמאָדאַן,
אַ פּעקל,
אַ זעקל,
אַ פּודעלע גרויס, ווי אַ פינטל,
און אַ קליין הינטל!

גיט אַ שפּרונג אַפן קאָפּ איר אַ הונט,
אַ גרויסער,
אַ בייזער,
אַ פּוד מיט אַ פונט.

גיט די דאַמע אַ קוויטש:
רוצח, אָט דאָס איז מיין הונט?
אָט האָב איך אַ קוויטל . . .

זאָגט דער מענטש אין דעם היטל:

שאַ, שטילער, מאַדאַם,
דריי נעכט
און דריי טעג
ביסט געוועזן אין וועג,
איז דאָס הינטל קיין עין הרע געוואַקסן
און געוואָרן אַ הונט,
אַ פּוד מיט אַ פונט.

דער דייטש ימח שמו

הינטער וואַרשע אין אַ יידישן הויף אין אַ קליינעם
איז געוואָקסן אַ בוים, נישט געפרעגט זיך ביי קיינעם.

האָבן פייגל אַ נעסט דאָרט געמאַכט,
געזונגען פאַרטאָג און טשעריקעט פאַרנאַכט.

אַ געזאַנג פאַרן שוסטער, ער זאָל זיך פרייען.
אַ טשעריק פאַרן שניידער, זאָל פריילעכער נייען.

און פאַרן בעקער, און פאַרן מלמד, וואָס לערנט די פרשה
האָבן פייגל געזונגען אין הויף, הינטער וואַרשע.

איין פויגל געווען איז ביים שוסטער אויף קעסט.
דער שוסטער פלעגט קערנדלעך וואַרפן לעם נעסט.

נאָך אַ פויגל געווען איז ביים שניידער אויף שפייז,
פלעגט כאַפּן און פּיקן פון זיין שיסעלע רייז.

נאָך אַ פויגל געלעבט האָט ביים בעקער פון טיש,
דער בעקער פלעגט אים צוואַרפן בייגעלעך פריש.

און דער מלמד, דער פרומער רב מיכל
פלעגט געבן די פייגעלעך ברעקלעך פון קיכל.

ביז איינמאָל אַ זומער, אַז אָך און אַז ווי,
איז געקומען דער דייטש, דער דייטש ימח שמו.

פליט דער פויגל דער ערשטער אַרויס מיטן ווינט:
— וואו איז דער שוסטער ? זיין ווייב און זיין קינד ?

ענטפערט אַ קעצל, באַהאַלטן אין גרוב:
— נישטאָ שוין דער שוסטער, נישטאָ שוין זיין שטוב.
עס איז אַ דייטש דאָ געווען, און אַ דייטש איז דער טויט!
ס'איז געבליבן אַ בערגל פאַרבלוטיקטע שטרוי,
עס איז אַ דייטש דאָ געווען, אַ דייטש ימח שמו.

פליט דער פויגל דער צווייטער אַרוים מיטן ווינט:
— וואו איז דער שניידער און זיין הויזגעזינד?

ענטפערט אַ מייזל פון נאָרע אַרוים:
— נישטאָ שוין דער שניידער, ס'איז חרוב זיין הויז.
עס איז אַ דייטש דאָ געווען, און אַ דייטש איז דער טויט.
געהרגעט דעם שניידער, געשטאָכן זיין פרוי.
עס איז אַ דייטש דאָ געווען, אַ דייטש ימח שמו.

פליט דער פויגל דער דריטער אַרוים מיטן ווינט:
— וואו איז דער מלמד און זיין הויזגעזינד?

ענטפערט אַ גרילכל פאַרציטערט מיט מורא:
— נישטאָ דער מלמד, פאַרברענט איז זיין תורה.
עס איז אַ דייטש דאָ געווען, און אַ דייטש איז דער טויט.
ער האָט פאַרפייניקט די מענטשן, און געחוזקט פון זיי.
עס איז אַ דייטש דאָ געווען, אַ דייטש ימח שמו.

שוין נישטאָ הינטער וואַרשע קיין יידישער הויף,
נישטאָ שוין קיין בוים און קיין פייגל דערויף.

עס וואָגלען די פייגל פון דער נעסט דער צעשטערטער.
זיי מיידן אוים דייטשלאַנד, די היים פון די מערדער.

עס וויינען די פייגל אַ ווייסטן געוויין:
זאָל דער דייטש, און זיין לאַנד, און זיין נאָמען פאַרגיין.

פִּתְחוּ אֶת הַשַּׁעַר

פִּתְחוּ אֶת הַשַּׁעַר, פִּתְחוּהוּ רָחָב,
עָבוֹר תַּעֲבֹר פֹּה שַׁרְשֶׁרֶת זָהָב:
אַבָּא,
וְאִמָּא,
וְאָח,
וְאָחוֹת,
וְחָתָן וְכַלָּה
בְּמֶרְכֶּבֶת קַלָּה.

פִּתְחוּ אֶת הַשַּׁעַר, פִּתְחוּהוּ רָחָב,
עָבוֹר תַּעֲבֹר פֹּה שַׁרְשֶׁרֶת זָהָב:
סָבָא,
וְסָבְתָא,
וְדוֹד,
וְדוֹדָה,
וּנְכָדִים וְנִינִים
בְּמֶרְכֶּבֶת פְּנִינִים.

פִּתְחוּ אֶת הַשַּׁעַר, פִּתְחוּהוּ רָחָב,
עָבוֹר תַּעֲבֹר פֹּה שַׁרְשֶׁרֶת זָהָב:
אַגָּס,
וְתַפּוּחַ,
וּדְבַשׁ לְקִנּוּחַ,
וְרָקִיק צְהַבְהַב
עַל צַלַּחַת זָהָב.

אַ טייל פון די לידער פון דעם בוך זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ארץ ישראל אין העברעאיש. דאָס ליד „עפנט דעם טויער" איז איבערגעזעצט פון דער באַקאַנטער דיכטערין פאַניע בערגשטיין.

אינהאַלט:

▼

זייט

איינס, צוויי, דריי 5
דער קליינער פייערלעשער 6
אַלקע 11
א מאַנטל 17
עפּנט דעם טויער 21
דער וואַסערטרעגער 23
זאַלבעדריט 26
קיץ, קאַץ, קעצעלע 30
ישיבעלעך 31
אַ מעשה מיט אַ וואָלף 33
אַ קריגערייַ 35
וואונדער איבער וואונדער 37
קינדער פון דער איסט־בראָדוועי 40
אַ מעשה וועגן דעם קייסערס גאָרטן 45
די קאַפּעליע 48
דער פּאַסטוך 53
אַ מעשה וועגן אַ האָן מיט אַ גאָלדענער פעדער 54
אַ האָז מיט אַ העלפאַנטישער נאָז 58
פייגע־ציגעלע 62
כיענעלע־דזשין 65
אַ שפּאַציר 70
דער שניידער און די גאָלדענע נאָדל 74
דער אָרעמאַן און די לבנה 79
אַ מעשה וועגן אליהו הנביא 84
די דאַמע מיטן הינטל 88
דער דייטש ימח שמו 91
פתחו את השער 93

דער באַרימטער מאָלער מ אַ נ י ע ק אַ ץ
האָט בייגעטראָגן צו דעם בוך ניין
אָריגינעלע צייכענונגען.

די נישט אונטערגעשריבענע צייכענונ־
גען פון דער יונגער ארץ־ישׂראלדיקער
מאַלערין ת ר צ ה זיינען גענומען
געוואָרן פון דער העברעאישער אויס־
גאַבע פון די מעשׂהלעך א. נ. „פתחו
את השער“ פון א“י פאַרלאַג „הקבוץ
המאוחד“.

דאָס בוך איז אויסגעזעצט געוואָרן אין 1945 און
דערשינען אין מערץ 1946.

ביכער אַרויסגעגעבן פון
צענטראַלן קאָמיטעט פון די יידישע פאָלק שולן
פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פועלי־ציון

◆

יידישע קינדער, מעשיות — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי $1.50

יידישע פּאָעטן, האַנטבוך פון יידישער דיכטונג, 2 בענד — יואל ענטין.. 2.00

זינגען מיר, לידער מיט נאָטן פאַר דערוואַקסענע און קינדער 1.50

בעבזיק, דאָס לעבן פון אַ יידיש יינגל — ה. רויזענבלאַט .... .75

דאָס וואָרט, כרעסטאָמאַטיע, 3 טיילן — ש. ווייסמאַן 3.30

מיין בוך, אַ לייען און איבונגס בוך — דר. י. שאַפּיראָ .... .75

סילאַבוס, אין יידישער געשיכטע, מימאָגראַפירט, 2 טיילן —
וו. שניידער 2.00

דאָס ערשטע לייענביכל, — ש. שאַפּיראָ .... .35

נביאים, 1טער באַנד, עמוס, הושע, ישעיה, מיכה — חיים שויס 2.50

◆

וועט דערשיינען:

יידיש לעבן, זינט דער לעצטער מלחמה — אַ קאָלעגיום.

נביאים, 2טער באַנד, צפניה, נחום, ירמיה — חיים שויס.

מעשה'לעך פאַר קליינע קינדער, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

מיט באַשטעלונגען, ווענדט זיך צו:

CENTRAL COMMITTEE JEWISH FOLK SCHOOLS

45 East 17th Street New York 3, N. Y.